# פרשת משפטים כ"ג – כ"ט שבט תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת משפטים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **אבהם צבי אדלער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של נכדתו הכלה תחי', שנערכה על ידי בחורי הישיבות, והתקיימה בהיכל הישיבה קטנה. אחר שנשמעו דברי תורה על ידי הר"י **הרה"ג רבי יעקב טובי' וויזער שליט"א** השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. דברי בדחנות נשמעו על ידי הר"ר **אלי' שווייצער** הי"ו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה א טייל צו נעמען ביי די שבע ברכות וואס איז צוזאמען מיט די תלמידי הישיבה און די מגידי שיעורים, וואס אונזער קשר צוזאמען איז דורך די תורה הק', וואס מען זיצט און מען לערנט צוזאמען. די תורה דאס איז דער עיקר חשיבות פון שמחה, פיקודי ה' ישרים משמחי לב (תהלים יט-ט), אז מען זיצט צוזאמען מיט די וואס זענען יושבים באהלה של תורה דעם גאנצן טאג, און זיי זענען זיך ממית באהלה של תורה, און מען פרייט זיך צוזאמען, איז עס א עקסטערע חשיבות אין די שמחה.

**מען** האט פריער געהערט חשובע ווערטער פונעם ראש ישיבה זאל זיין געזונט, איך וועל זיך באציען אויף די ווערטער וואס דער ראש ישיבה האט פריער גערעדט. דאס ווארט וואס מען זאגט נאך אויפן פסוק (תהלים קכב-א) שמחתי באומרים לי בית ה' נלך, אז דאס ווארט 'לי', גייט ארויף אויף די קידושין, הרי את מקודשת 'לי'. אז די כלה זאגט, שמחתי באומרים לי, איך פריי זיך מיט די ענין פון קידושין, ווייל דורך דעם בית ה' נלך, קען איך גיין אין שול[א]. דער ראש ישיבה האט אויך נאכגעזאגט דעם **בני יששכר** (**באגרא דכלה** פ' יתרו) אויפן פסוק (שמות יט-ו) ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, אז די למ"ד איז די גרעסטע אות, און די יו"ד איז די קלענסטע אות. ל' ווייזט אויפן אייבערשטען, און דער יו"ד ווייזט אויף כנסת ישראל. אונזער קשר איז 'לי', דער אייבערשטער מיט כלל ישראל זענען זיך מקשר צוזאמען. און אין דעם ווארט 'ישראל' איז אויך דא דער אות יו"ד אין אנהייב, און א למ"ד צום סוף, און אינמיטן זענען די אותיות רא"ש, וואס דאס איז רומז אויף חתן וכלה. רא"ש איז פינף הונדערט און איינס, און אין א זכר איז דא רמ"ח אברים, און ביי איר איז דא רנ"ג אברים, לויט רבי עקיבא (בכורות מה.), און צוזאמען איז עס די מספר פון רא"ש. איך וויל זאגן די זעלבע נקודה אויף א אנדערע מהלך.

**עס** שטייט אין די גמרא (יבמות סג.), כל אדם שאין לו אשה, איינער וואס האט נישט חתונה, אינו אדם, ווערט ער נישט אנגערופן א 'אדם'. אזוי שטייט אין פסוק (בראשית ה-ב) זכר ונקבה בראם וגו' ויקרא את שמם אדם, די טיטל 'אדם' באקומט מען נאר נאכדעם וואס מען האט חתונה. אין **עיון יעקב** איז אויסגערינגלט 'אדם', און איינגערינגלט 'יהודי'. די גירסא איז נישט כל 'אדם', נאר כל 'יהודי', יעדער יוד, שאין לו אשה, ווערט נישט אנגערופן א אדם. וואס דער פשט דערפון איז, אז א גוי אפילו ער האט חתונה, הייסט ער נאך נישט א 'אדם'. אתם קרויין אדם (יבמות סא.), נאר אונז ווער מיר אנגערופן אדם, אבער א גוי הייסט נישט א אדם. נאר א יוד וואס האט נישט א אשה, ווערט ער נישט אנגערופן א אדם, אבער א גוי, אפילו מיט אשה, הייסט ער אויך נישט א אדם. וואס איז דער ענין אז ווילאנג מען האט נישט חתונה, ווערט מען נישט אנגערופן אדם.

---

[א] הובא בספר **אהל נפתלי** (אות י"א) וזה לשונו: הרבנית מרת בילא בת **הגה"ק רבי יצחק הלוי מהאמבורג זצ"ל** (רבי איציקל האמבורגער) אשת **הגה"ק רבי מנחם מענדל אב"ד לינסק זצ"ל** (אמו של **הגה"ק מראפשיץ זצ"ל**) היתה אשה משכלת ומלומדת, ושמעתי כי בשבת הראשונה אחר נישואיה הוליכוה להתפלל בבית הכנסת כמנהג היהודים די בכל אתר ואתר, ואמרה כי זה פירוש הפסוק (תהלים קכב-א) שמחתי באומרים לי בית ה' נלך, היינו אני שמח במה שאמר לי בעלי הרי את מקודשת 'לי', כי על ידי זה 'בית ה' נלך', אוכל לילך להתפלל בבית הכנסת (כי בזמנם לא היתה הפנויה הולכת לבית הכנסת).

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז, מען ווייסט אז דער מענטש ווערט געבוירן אזוי ווי א בהמה, דער פסוק (איוב יא-יב) רופט עס אן, עיר פרא אדם יולד, אזוי ווי א ווילדער אייזל ווערט דער מענטש געבוירן. דאס לעבן פונעם מענטש איז עסן, טרינקען, שלאפן, און נאכגיין נאך תענוגי עולם, און ווילאנג מען ארבעט זיך נישט אויס די מדות, איז מען נישט נאר אזוי ווי א בהמה, נאר מען איז ערגער פון א בהמה. א בהמה קען נישט אסאך טון, זי האט נישט קיין שכל שלעכטס צו טון, זי איז נישט רעפינירט, זי טוט זיך איר טבע. אבער א מענטש אז ער פירט זיך נישט אויף מיט מענטשליכקייט, איז ער אינגאנצן נישט א מענטש, ער איז נישט א צורת אדם. און די עבודה פון א יוד איז, און בפרט אין די יונגע יארן, זיך אויסצוארבעטן די מדות. יעדער מענטש ווערט געבוירן מיט שלעכטע מדות, כעס, גאוה, כבוד, און אזוי ווייטער א לאנגע רשימה, וואס אויף יעדע נקודה עקסטער, דארף א מענטש ארבעטן אויף זיך צוצוקומען צום שלימות. און ווען א מענטש קומט צו צו זיין שלימות, דעמאלטס ווערט ער אנגערופן 'אדם', יעצט איז ער א מענטש, יעצט איז ער אין די בחינה פון א אדם.

**'אדם'** האט צוויי טייטשן, אדם איז די טייטש אז ער איז באשאפן געווארן עפר מן האדמה, ער קומט פון די ערד. און אדם איז דער טייטש, אדמה לעליון, ער איז דומה לעליון, ער איז דומה צום אייבערשטען. א מענטש קען זיך צושטעלן מיט זיינע מדות, צו והלכת בדרכיו (דברים כח-ט), צו גיין אין די וועגן פונעם אייבערשטען. אוןביידע טייטשן זענען אמת. קודם ווערט מען געבוירן עפר מן האדמה, אזוי ווי א שטיק ערד, און די עבודה פון א יוד איז, אז פון די ערד זאל ער אויסארבעטן זיין חומר, אז ער זאל זיין אדמה לעליון. צדיקים קומען צו צו א מדריגה, אז זיי זענען נאנט צו די מדות וואס איז דא ביים אייבערשטען.

**עס** שטייט אין **ישמח משה** (פ' בראשית), ווען דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש האט ער געזאגט פאר די מלאכים נעשה אדם (בראשית א-כו), לאמיר באשאפן דעם אדם. עס וואלט געדארפט שטיין 'אעשה' אדם, דער אייבערשטער אליין האט דאך באשאפן די בריאה, וואס איז דער לשון 'נעשה' אדם. רש"י זאגט, אז דער אייבערשטער האט זיך נמלך געווען מיט די מלאכים, צו ער זאל באשאפן דעם מענטש צו נישט. אין **ישמח משה** איז דא א אריכות, און ער זאגט, אז ווען דער אייבערשטער באשאפט דעם מענטש איז ער נישט א אדם, ער איז א בהמה. ער איז א קלוגע בהמה, אבער ער איז נישט א אדמה לעליון, ער איז נאכנישט צוגעקומען צו די מדריגות. דער אייבערשטער גיט אבער פאר א מענטש די מעגליכקייט, ער באקומט די כלים, אז ער זאל זיך קענען אויסארבעטן און ווערן א מענטש. א בהמה האט דער אייבערשטער באשאפן, אז אזוי ווי ער איז, אזוי בלייבט ער שפעטער. שור בן יומו קרוי שור (ב"ק סה:), עס איז נישט א חילוק ביי א שור צו ער איז איין טאג אלט, צו ער איז פופציג יאר אלט, עס איז דער זעלבער שור. ער איז געווען א קליינע בהמה און יעצט ווערט ער א גרויסע בהמה, אבער עס איז נישט דא קיין שינוי אין דעם בהמה. אבער א מענטש איז טאקע נישט א אדם ווען ער ווערט באשאפן, ער ווערט באשאפן ווי א בהמה, דער פסוק רופט אים אן, אז ער איז 'עיר פרא', א ווילדער אייזל. און ווען ער ארבעט אויף זיך, ער טוט משנה זיין זיין חומר, דעמאלטס ווערט ער א 'אדם'. האט דער אייבערשטער געזאגט איך קען נישט זאגן 'אעשה' אדם, איך גיי מאכן א אדם, וויל ווען ער ווערט באשאפן איז ער נישט א אדם. 'נעשה' אדם, איך צוזאמען מיט דעם מענטש, וועלן מיר מאכן א אדם. איך וועל אים געבן די מעגליכקייט אז ער זאל קענען צוקומען דערצו, און ער וועט ארבעטן דערויף, און צום סוף וועט ער צוקומען אז ער וועט ווערן א אדם.

**עס** קען זיין, אז אויף דעם ווייזען די צוויי אותיות דער יו"ד מיטן למ"ד. דער יו"ד איז דער נידריגסטער פון די אותיות, און דער למ"ד איז דער העכסטער פון די אותיות. ווען א יוד ווערט געבוירן, ווערט ער אנגערופן א יוד, ווען מען מל'ט אים, זאגט מען אז מען יודיש'ט אים. אבער ער איז דעמאלטס זייער קליין, אזוי ווי א יו"ד. און די עבודה פון א יוד איז, אז פון דעם קליינעם יוד זאל ווערן א למ"ד, ער זאל ווערן דער העכסטער אות וואס איז שייך. דער למ"ד ציהט זיך אלץ העכער און העכער ביז עס ווערט דער למ"ד. און די צוויי

אותיות איז דא אין אנהייב און אין סוף פון דאס ווארט ישראל, צו וויזן אז א יוד קען זיך אויפארבעטן, אז פון דעם קליינעם יו"ד וואס ער איז באשאפן געווארן, זאל ער צוקומען און זיין דער למ"ד, די שפיץ פון אלע אותיות. - ואתם תהיו 'לי' ממלכת כהנים וגוי קדוש, דורך די תורה וואס איך געב ענק, קענט איר ווערן די בחינה פון 'לי'. מען הייבט אן מיט א יוד, דער קלענסטער אות, און מען ענדיגט מיטן למ"ד, עטץ קענטס צוקומען צו די העכסטע מדריגה פון אדמה לעליון, וואס מען ווערט כביכול נאנט צום רבונו של עולם.

*

**די** העכסטע אות איז א למ"ד. דער למ"ד דאס ווייזט אויף לימוד התורה. צוצוקומען צו דעם למ"ד, צו ווערן דער העכסטער אות, קען מען נישט נאר דורך תורה הק'. עס איז נישט דא א אנדערע וועג א מענטש זאל זיך קענען אויסארבעטן און אויסלייטערן די מדות, נאר דורך תורה הק'. דאס איז די איינציגסטע זאך וואס טוט ארויפברענגען דעם מענטש צו די העכסטע מדריגה. אז דו ווילסט צוקומען אז פון דער קליינער אות יוד, זאל מען צוקומען צו די העכסטע אות וואס איז דא אין תורה הק', דאס איז נאר דורך דעם למ"ד, דורך דעם וואס א יוד זיצט און לערנט תורה, דורך דעם קומט ער צו, צו די העכסטע מדריגה.

**זוכה** זיין צו שלימות התורה, איז נאר נאכדעם וואס מען האט חתונה. ישא אשה ואחר כך לומד תורה בטהרה (קידושין כט:), אעשה לו עזר כנגדו (בראשית ב-יח), נאך די חתונה ווערט די בני בית א עזר, זי טוט אים צוהעלפן אז ער זאל קענען שטייגען און וואקסען. זי נעמט אויף זיך דעם עול הגשמי, און ער נעמט אויף זיך דעם עול התורה, און צוזאמען טוט מען אויפשטעלן א שטוב ווי מען וואקסט אין תורה. וועגן דעם איז דא אין דעם ווארט 'ישראל', א יו"ד אין אנהייב און א למ"ד צום סוף, און אינמיטן איז דא די אותיות אש"ר, וואס איז א רמז אויף די אברים פון איש ואשה. מרמז צו זיין, אז ווען ווערט פון א יוד א למ"ד, ווען עס זענען דא אינמיטן די אותיות רא"ש, וואס דאס ווייזט אויפן זיווג פונעם מענטש, מיט דעם ווערט א שלימות.

**כל** אדם שאין לו אשה אינו אדם. ער קען ווערן אנגערופן א אנוש, ער קען ווערן אנגערופן א גבר, מען קען אים אנרופן מיט אלע סארט נעמען, אבער צוצוקומען צו די מדריגה אז פון א אדם, פון א אדמה, זאל ער ווערן א אדמה לעליון, צוקומען נאנט צו די מדות פונעם אייבערשטען, איז נאר אז מען האט חתונה. זכר ונקבה בראם ויקרא את שמם אדם, דעמאלטס קומט ער צו, צו די בחינה פון אדם.

**קומט** אויס, אז ווען א מענטש ווערט געבוירן איז ער נאך אין די בחינה פון א בהמה. און ווען ער הייבט אן צו לערנען תורה, ווי מער ער לערנט, ארבעט ער זיך מער אויס, ער ווערט מער איידעלער, ער ווערט א אנדערע סארט מענטש פון וואס ער איז געווען פון פריער. איינער ווערט פופציג פראצענט א אדם, איינער ווערט זעכציג פראצענט, איינער זיבעציג, און איינער ניינציג, און אז מען איז זוכה, ווערט מען א הונדערט פראצענטיגער אדם. און אז מען איז נישט זוכה, בלייבט מען א בהמה, אזוי ווי א חמור, א עם הדומה לחמור. א 'בהמה' לעבט אויף דער וועלט, און 'ער' לעבט אויך אויף די וועלט. ער פירט זיך אויף ווי א בהמה, און זיין גאנצע לעבן איז א גשמיות'דיגע לעבן. א יוד דארף נתעלה ווערן, און צוקומען צו די מדריגה, אז ער זאל זיין אדמה לעליון, ער זאל זיין דומה צום אייבערשטען.

**שלמה** המלך ענדיגט זיין ספר קהלת, סוף דבר הכל נשמע, את אלקים ירא, ואת מצותיו שמור, כי זה כל האדם (יב-יג). עס איז דא מענטשען וואס זענען א אדם, אבער ער איז נאכנישט א אדם השלם, ער איז נישט א גאנצער אדם. א חלק איז ער א בהמה, און א חלק איז ער א אדם. איינער מער איינער וויניגער. אבער 'סוף דבר', צו וואס דארף א יוד צוקומען צום סוף, וואס דארף זיין זיין ציל, 'את אלקים ירא', זיך פירן ערליך, מורא האבן פונעם אייבערשטען, 'ואת מצותיו שמור', אפהיטן די מצות, 'כי זה כל האדם', דעמאלטס קומט ער צו, אז ער ווערט כל האדם, אז ער ווערט א שלימות'דיגער אדם, און דאס איז נאר דורך תורה הק'.

**עס** שטייט אין קהלת (ז-ב) טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה, באשר הוא סוף כל האדם.

דער פשוטער פשט איז, אז אמאל קומט מען זיך צוזאם ביי א שמחה, ביי א בית המשתה, און אמאל קומט מען זיך צוזאם ל"ע ביי א בית אבל. זאגט דער פסוק, אז דער בית אבל ברענגט ארויס מער מוסר, ווי צו גיין צו א בית משתה, ווייל עס דערמאנט דעם סוף כל האדם.

**עס** קען זיין א כוונה, ביי א בית המשתה הייבט א מענטש אן צו ווערן א אדם, ער האט חתונה, און דעמאלטס איז ויקרא שמם אדם, דעמאלטס הייבט ער אן צו ווערן א אדם. ענדיגן ענדיגט זיך דער אדם, ווען עס קומט דער בית אבל, ווען ער לאזט איבער די וועלט. ווי אזוי ער גייט אוועק פון די וועלט, אזויפיל איז ער צוגעקומען צו זיין חלק האדם. ווען מען קומט צו א בית אבל, און מען איז זיך מתבונן אז עס גייט אוועק א ערליכער יוד, וואס האט אפגעפירט זיין לעבן ערליך, ער האט זיך אויסגעארבעט זיין גאנצע לעבן אינעם 'לי', פון דעם קליינעם יו"ד איז ער געווארן א למ"ד, ער איז צוגעקומען צו זיין מדרגה, אז מען גייט צו אזא בית אבל, ברענגט עס ארויס א געוואלדיגער מוסר השכל. ער איז געווען אזא מענטש ווי איך, אזא בחור ווי איך, און קוק וואס איז אויסגעוואקסן פון אים, קוק צו וואס ער איז צוגעקומען אין זיין לעבן, ער איז צוגעקומען צום שלימות וואס א אדם איז. אבער אז מען קומט צו א בית אבל, און יענער גייט אוועק פון די וועלט אזוי ווי ער איז געקומען, ער האט גארנישט אויפגעטון, פון אזא בית אבל ברענגט זיך נישט ארויס קיין שום מוסר, עס לערנט גארנישט דעם מענטש.

**טוב** ללכת אל בית אבל, עס איז גוט צו גיין צו א בית אבל, מער פון ללכת אל בית משתה, ווייל אין דעם בית המשתה האט ער אנגעהויבן צו ווערן א אדם, אבער אין דעם בית האבל זעהט מען אז ער איז אויסגעוואקסען דער אדם. צו וואס פאר א בית האבל איז גוט צו גיין, ווען מען זעהט כי זה סוף כל האדם, אז ער איז צוגעקומען צום סוף וויפיל א אדם קען צוקומען, דאס האט א חשיבות.

*

**און דאס איז די עבודה פון א יוד, זיך אויסצוארבעטן ווילאנג מען איז נאך יונג. וויסען אז א מענטש איז נישט געבוירן געווארן בשלימות, יעדער מענטש האט אין זיך א חלק וואס ער איז א בהמה, און א חלק וואס ער איז א אדם, און ביז מען טוט זיך נישט אויסארבעטן אוועקצונעמען פון זיך דעם חלק וואס ער איז געבוירן געווארן מיט מדות רעות, און מיט מדות מגונות, אזוי לאנג איז ער נישט א אדם. און דאס איז נישט שייך נאר דורך לימוד התורה, ווען מען ליגט אין לערנען. תורה האט אין זיך א כח, אז תורה טוט אויסאיידלען דעם מענטש, זיין השקפה איז אנדערש, זיין בליק אויף די וועלט איז אנדערש. ער פארשטייט אז אלעס אויף די וועלט איז הבלי הבלים, עס איז נישט דא קיין שום גליקן אין די וועלט, נאר אז מען איז זוכה צו זיצן באהלה של תורה, און לערנען פלייסיג, און שטייגן אין תורה, דעמאלטס האט עס א חשיבות.**

**און** דאס איז די בחינה פון 'לי', מען הייבט אן מיט א יו"ד, מען איז געבוירן געווארן א יוד, אבער זייער א קליינער יוד, זייער ווייניג האסטו באקומען פון געבורט. מענטשען ווערן אמאל געבוירן מיט גוטע מדות וכדומה, אבער עס איז נאר א קלייניגקייט, די עיקר פון די עבודה דארף צו זיין, צוצוקומען אז פון דעם יו"ד זאל ער זעהן אויסצוואקסען א למ"ד, צוקומען צו זיין די העכסטע אות וואס איז שייך. 'שמחתי', איך פריי מיך, 'באומרים לי', ווען מען זאגט מיר, אז איך קען זיין דער 'לי', איך קען צוקומען אז פון א יו"ד זאל איך ווערן א למ"ד. כאטש איך בין נאך יעצט שוואך, און איך שפיר ביי מיר אז איך בין נאכנישט א אדם השלם, עס פעלט מיך נאך אין מדות טובות, אבער איך קען צוקומען צו דעם למ"ד. אבער דאס איז נאר ווען עס איז 'בית ה' נלך', צו דעם איז מען זוכה נאר ווען מען זיצט אין בית המדרש. **דא אין דעם בית המדרש וואס מען פלאגט זיך אויף תורה, מען לערנט מוסר, און מען ארבעט אויף די מדות, צו זיין א מעביר על מדותיו, זיך אוועקצוגעבן פאר א צווייטן, נושא בעול זיין מיט א חבר, אוועקצוגעבן פון די צייט צו לערנען מיט א צווייטן, אוועקצוגעבן פון זיך וואס ער קען ארויסצוהעלפן א אנדערן, אינעם בית ה' קען א יוד צוקומען צו די בחינה פון 'לי', אז פון די קליינע מדריגה זאל ער אויסוואקסען צו א גרויסע מדריגה.**

**מען** זיצט ביי א סעודת שבע ברכות פון א חשוב'ען חתן, וואס האלט שוין ווייטער פון דעם יו"ד, ער האט זיך שוין אויסגעארבעט אין די יארן וואס מען איז געזעסן און געלערנט. עס איז הכרת פניו ענתה בו, דאס איידלקייט, און דאס ערליכקייט, וואו ווייט ער איז געוואקסען און געשטיגן אין תורה. און יעצט ווערט עס 'ישראל', בשעת ער טרעפט זיין זיווג האט ער די מעגליכקייט אז מען זאל קענען מער וואקסען און שטייגן אין תורה. זאל אים דער אייבערשטער געבן, אז ער זאל קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, א ערליכע יודישע שטוב, עס זאל געבויט ווערן א בית ה', איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם (סוטה יז.). און פאר אונז אלע זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן אויסוואקסען מער פון וואס מיר זענען. מיר האבן נישט קיין שלימות, מיר זענען זייער ווייט פון שלימות, אבער ויסען וואס איז אונזער עבודה. אונזער חשיבות איז, ווען מען הייבט אן מיט א קלייניגקייט, מען הייבט אן פון אדמה, פון ערד, און מען קומט צו צו אדמה לעליון, אז מען ווערט דומה צו אויבן.

*

**ביי** א שבע ברכות זאגט מען, שהשמחה במעונו, עס איז א שמחה ביים אייבערשטען אין הימל. עס איז דא זיבן הימלען (חגיגה יב:), מיר פארשטייען נישט פונקליך וואס דאס איז, אבער אזוי שטייט אין חז"ל. און איינע פון די הימלען ווערט אנגערופן מעון. און מען זאגט שהשמחה במעונו, אז די שמחה פונעם אייבערשטען איז אין דעם הימל וואס ווערט אנגערופן מעון. דער אייבערשטער פרייט זיך ווען עס קומט צו נאך א יודישע שטוב אויף דעם עולם, נאך א פלאץ פון השראת השכינה, וואו דער אייבערשטער וועט קענען רוען.

**די** גמרא רעכנט דארט אויס, וואס עס טוט זיך אין יעדען הימל. און אין דעם הימל וואס ווערט אנגערופן מעון, זענען דא מלאכים וואס זאגן שירה פארן אייבערשטען א גאנצע נאכט, וחשות ביום, און בייטאג זענען זיי שטיל, בייטאג זאגן זיי נישט קיין שירה, מפני כבודן של ישראל, וועגן די כבוד פון יודען. אזוי ווי יודען זאגן שירה פארן אייבערשטען בייטאג, זענען די מלאכים שטיל. דער אייבערשטער ווייל דעמאלטס הערן די שירה פון יודען, זאגט ער פאר די מלאכים, אז זיי זאלן זיין שטיל, זיי זאלן נישט זאגן קיין שירה. און די גמרא ברענגט א פסוק, שנאמר, ווייל עס שטייט אין פסוק (תהלים מב-ט) יומם יצוה ה' חסדו ובלילה שירה עמי, יומם, בייטאג, יצוה ה', טוט דער אייבערשטער הייסן פאר די מלאכים אז זיי זאלן שווייגן, חסדו, ווייל איך וויל טון א חסד מיט די מענטשען אויף די וועלט וואס זענען אנגעוויזען אויף חסד, אז זיי זאלן זאגן שירה, ובלילה, און ביינאכט, שירה עמי, זאגן די מלאכים אויבן שירה פארן אייבערשטען. - קומט אויס, אז אין דעם הימל וואס ווערט אנגערופן מעון, איז א פלאץ וואס מען זאגט שירה. און די שירה ווערט געזאגט נאר ביינאכט, אבער נישט בייטאג, מפני כבודן של ישראל.

**זעהט** מען דאך פון דעם הימל א מוסר השכל, אז דער אייבערשטער האט געהייסען פאר די מלאכים, וואס מיר האבן נישט קיין השגה וואס זייער שירה איז. יעדן טאג ביים דאווענען, ביי די ברכה פון יוצר אור, איז מען אביסל מצייר, מען טוט אביסל פארשטעלן ווי אזוי די מלאכים אויבן אין הימל זאגן קדוש און ברוך. כולם אהובים, כולם ברורים, כולם קדושים, וכולם עושים באימה וביראה רצון קונם, און זיי זענען משבחין און מפארין ומעריצין. אונז האב מיר נישט קיין השגה וואס עס טוט זיך אפ אויבן אין הימל, ווען די מלאכים זאגן אזא הייליגע שירה. אבער ווען עס קומט בייטאג זאגט דער רבונו של עולם, הערטס אויף צו זאגן שירה, ווייל יודען אויף די וועלט זאגן שירה. עטץ זאלטס שווייגען, און יודען וועלן זאגן שירה. ווי אזוי אונזער שירה קוקט אויס, ווייסען מיר זייער גוט, און פון דעסטוועגן דאך האט ביים אייבערשטען א חשיבות אונזער שירה, מער פון די שירה פון די מלאכים. אונז הייסט מען נישט שווייגען ווייל די מלאכים דארפן זאגן שירה, אבער ווען די מלאכים זאגן, דארפן זיי זיין שטיל ווייל מיר זאגן שירה.

**פארוואס** איז אונזער שירה אזוי חשוב ביים אייבערשטען? ווייל אונזער שירה קומט פון א יו"ד וואס ווערט א למ"ד. אונזער שירה קומט פון נסיונות, מיר ווערן געבוירן מיט שלעכטע מדות,

מיר ווערן געבוירן אז אלעס איז נאר פאר זיך, אלעס קאכט זיך נאר ארום דעם מענטש, אז נאר פאר אים אליין זאל זיין גוט, פאר אים זאל גארנישט פעלן, און ער זאל זיין ברום המעלה. די מלאכים לעבן נישט פאר זיך, די מלאכים זענען באשאפן געווארן צו דינען דעם אייבערשטען, זיי טוען באימה וביראה רצון קונם, זיי טוען דעם רצון פונעם באשעפער, וואס דער באשעפער האט זיי באשאפן. אבער אונז האב מיר אזויפיל נסיונות, און דאס ביסל וואס מיר טוען יא, איז זייער חשוב ביים אייבערשטען. ווענן דעם זאגט דער אייבערשטער פאר די מלאכים, בייטאג זאלט עטץ זיין שטיל, בייטאג זאגן יודען שירה. עס איז כבודן של ישראל, דער באשעפער איז מכבד יודען, איך וויל הערן זייער שירה. דאס ביסעלע שירה וואס מיר זאגן דא אויף די וועלט, האט א געוואלדיגע חשיבות, מער פון די שירה פון די מלאכים.

**ווען** מען האט חתונה, פון איין זייט שטייגט מען דעמאלטס, און מען וואקסט אין תורה. אבער פון די אנדערע זייט גייט מען דאך אביסל ארויס פון די אהלה של תורה, סוף כל סוף דארף מען זיך שוין אפגעבן מיט עניני עולם אויך. ער האט דאך א כתובה, ער דארף אויפשטעלן א שטוב מיט קינדער וכדומה. קען זיך אמאל דאכטן, וואס איז די שמחה וואס איך פריי זיך אז איך האב חתונה, איך גיי דאך אביסל ארויס פון בית המדרש. ווי גליקליך וואלט געווען, ווען איך וואלט געקענט בלייבן אין בית המדרש און זיצען און לערנען א גאנץ לעבן, אז עס זאל זיין שבתי בבית ה' כל ימי חיי, לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו. און מען זאגט מיר אז איך זאל ארויסגיין פון בית המדרש און אזוי דינען דעם אייבערשטען. זאגט מען, דו זאלסט אבער געדענקן, שהשמחה במעונו, די שמחה איז אין דעם הימל פון מעון, וואס דארט זאגן די מלאכים שירה, און דער אייבערשטער זאגט, אז ענקער שירה, מיט ענקערע נסיונות אויף די וועלט, איז ביי מיר חשוב'ער פון די שירה פון די מלאכים. און דאס ברענגט ארויס אונזער שמחה, אז וויפיל אונז טו מיר, און ווי אזוי מיר טוען עס, האט עס נאך אלץ א גרעסערע חשיבות ביים אייבערשטען פון דעם וואס די מלאכים טוען. די שמחה וואס א יוד דארף האבן אין זיין עבודת ה', דארף ער נעמען פון דעם הימל וואס הייסט מעון, וואס דארט האט דער באשעפער געוויזען די חשיבות פון אונזער עבודה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן אז מיר זאלן קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, און אויסנוצן די שיינע יארן וואס מען האט, ווען מען זיצט אין בית המדרש און מען לערנט תורה, ארבעטן אויף זיך צו שטייגן אין תורה, צו שטייגן אין יראת שמים. קענען איבערארבעטן די מדות מיט וואס מען איז געבוירן, ארויסצוגיין פון בית המדרש א אדם השלם, אדמה לעליון. און דורך דעם וועט מען זוכה זיין, זיך צו קענען שטענדיג פרייען איינאיינעם מיט די עיקר שמחה, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הלילה נערך סעודת השבע ברכות על ידי **רבינו שליט"א**, לעסקני ותומכי קהלתנו ומוסדותינו הק', באולם ראוז גארדען. בסעודת השבע ברכות השתתפו **כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א, וכ"ק האדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א**. אחר שנשמעו דברי תורה על ידי **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. דברי בדחנות נשמעו על ידי הר"ר **וועלוויל פעלדמאן** הי"ו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**דוד** המלך זאגט אין תהלים (קיט-א) אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת ה', וואויל איז פאר די וואס גייען אין די וועגן פונעם אייבערשטען, אשרי נוצרי עדותיו, וואויל זענען די וואס טוען אפהיטן די תורה, בכל לב ידרשוהו, זיי טוען עס פארשען מיטן גאנצן הארץ. עס קען אפשר זיין א ענין וואס איז נוגע לענינינו.

**די** תורה הק' הייבט זיך אן מיט א בי"ת, ב'ראשית ברא אלקים (בראשית א-א), און עס ענדיגט זיך מיט א למ"ד, לעיני כל ישרא'ל (דברים לד-יב). דאס איז טייטש, אז דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט די גאנצע תורה צווישן די צוויי אותיות, צווישן א בי"ת און א למ"ד. - אין די גמרא (קידושין כט:) שטייט, נושא אשה ואחר כך ילמוד תורה, קודם דארף מען חתונה האבן, און נאכדעם זאל מען אוועקגעבן די צייט פאר לימוד התורה. די גמרא (שבת קיח:) זאגט,

אז רבי יוסי האט קיינמאל נישט גערופן זיין ווייב 'אשתי', נאר ער האט איר גערופן 'ביתי', דאס איז מיין שטוב. - די תורה הק' הייבט זיך אן מיט א בי"ת, און עס ענדיגט זיך מיט א למ"ד, ווייל בי"ת דאס ווייזט אויף ישא אשה, וואס ווערט אנגערופן א בית, און למ"ד ווייזט אויף לימוד התורה. אזוי דארף זיין דער סדר. קודם דארף זיין דער בית, קודם דארף זיין ישא אשה, און נאכדעם דארף זיין דער למ"ד, ואחר כך ילמוד תורה.

*

**עס** קען אפשר זיין נאך א ענין, פארוואס די תורה הייבט זיך אן מיט א בי"ת, און עס ענדיגט זיך מיט א למ"ד, וואס איז נוגע צו די היינטיגע שבע ברכות, וואו עס זענען זיך צוזאמגעקומען עסקנים, וואס האבן צוגעהאלפן צו די חתונה בגופם ובממונם, און עסקנים וואס העלפן צו א גאנץ יאר פאר די מוסדות התורה. די תורה הק' איז אזוי איינגעשטעלט, אז עס איז דא א ישׂשכר מיט א זבולון, שמח זבולון בצאתך ויששכר באהליך (דברים לג-יח). דער אייבערשטער האט איינגעטיילט די וועלט, אז עס זאלן זיין לומדי תורה, און עס זאלן זיין די וואס העלפן צו פאר די וואס לערנען תורה.

**עס** שטייט אין תוספות (עירובין יג:) אז כאטש עס איז נוח לו לאדם שלא נברא משנברא, עס איז חשוב'ער אז מען איז נישט באשאפן געווארן. אבער פון דעסטוועגן דאך אויף א צדיק איז נוח לו שנברא, עס איז אים נוח אז ער איז געבוירן געווארן. און נישט נאר אז עס איז נוח 'לו' שנברא, נאר עס איז נוח 'לדורו' אויך. די גאנצע דור וואס לעבט מיט א צדיק, און זיי טוען העלפן פאר דעם צדיק אז ער זאל קענען נתעלה ווערן, איז עס נוח שנברא, אויף אזא אופן איז נוח אז ער איז געבוירן געווארן. - און די תורה הק' גיט א דין קדימה פאר דעם זבולון פאר יששכר, שמח זבולון בצאתך, און נאכדעם יששכר באהלך. די תורה וויל מחשיב זיין, אז די וואס טוען פאר תורה, האבן נישט נאר די זעלבע חשיבות ווי די לומדי תורה, נאר די תורה איז אים מקדים, אז דער זבולון איז פריער פון דעם יששכר.

**א** רב אין א קהלה, עס קוקט אויס ווי עס גלאנצט, אבער די וועלט זאגט, אז נישט יעדע זאך וואס גלאנצט איז גאלד. מען קען אפילו נישט מסביר זיין פאר איינעם וואס לעבט עס נישט מיט, וויפיל צייט מען דארף אוועקגעבן פאר א ציבור פון יודען. מען האט א עול פון מוסדות התורה, א ישיבה, און א כולל, און אויפנעמען מענטשן. מיין זון רבי יהושע זאל זיין געזונט האט פריער נאכגעזאגט פונעם **בית ישראל**, אז ער האט געזאגט, אז דעם טאטנ'ס (דער **אמרי אמת**) א מינוט, איז אזוי ווי יענעמס צוואנציג יאר[ב]. וואס דער הסבר דערפון איז, דער **אמרי אמת** איז געווען א רבי פאר צענדליגער טויזנטער יודען. און זיין מינוט איז נישט א מינוט, זיין מינוט איז צען טויזנט מינוטן. ער דארף שטייגן, און ער דארף זיך אפגעבן, און ער דארף אינזין האבן, און ער דארף מתפלל זיין, און אלעס וואס א מנהיג פון יודען דארף צו טון. זיין מינוט איז נישט א מינוט, און זיין שעה איז נישט קיין שעה, און זיין יאר איז נישט קיין יאר, נאר יעדען טאג ליגט דערין זייער אסאך.

**ווען** קומט אויס פאר א בעל הבית אז ער זאל קענען באצאלן פארן רב וואס דער רב טוט פאר אים א גאנץ יאר. איינמאל, ווען ער מאכט חתונה א קינד. עס איז נישט דא קיין אנדערע זמן ווען מען קען עס באצאלן, נאר אז א שמחה וואס ער מאכט, זאל זיין א שלימות'דיגע שמחה, און א רואיגע שמחה. א שמחה וואס מען זאל זיך באמת קענען פרייען מיטן גאנצן הארץ, אן קיין שום שטערונגען. איך מיין אז עס איז נישט דא כמעט א אנדערע וועג ווי אזוי מען קען ארויסווייזען א הכרת הטוב, נאר בשעת א שמחה. ווען עס קומט א שמחה, און ב"ה מען זעהט אז גוטע פריינט שטעלן זיך צו מיטן גאנצן הארץ, מיט וואס מען קען פראבירן שיין צו מאכן די שמחה, און צוהעלפן צו די שמחה, איז באמת א הכרת הטוב,

---

[ב] הובא בספר **שיח זקנים** (חלק שמיני דף קנד) וזה לשונו: פעם אחת כשגמר **הרה"ק האמרי אמת זצ"ל** ללמוד, והיה בדרכו לצאת לחוץ, עמד שם איש אחד שרצה לדבר עמו, ולהזכיר לפניו את בתו החולנית. אמר לו הרבי, שאין לו עבורו אפילו רגע אחד [איך האב נישט קיין איין מינוט צייט פאר אייך]. אמר האיש, לי יש זמן עשרים שנה לטפל בבתי, אבל להרבי אין זמן אפילו מינוט אחת. - **והרה"ק הבית ישראל זצ"ל** אמר, שלא היה הצדק עם האיש ההוא, כי רגע אחד של אביו, היה חשוב יותר מעשרים שנה של האיש הנ"ל.

און א נייח רוח, אז מען זעהט עס. - דאס איז דער ענין פון יששכר און זבולון, יששכר אליין האט נישט די מעגליכקייט, אז ער זאל זיך קענען אפגעבן מיט אלעם, יעדער האט זיך זיין תפקיד, און דאס איז נישט זיין ארבעט אויף דעם עולם. און אז דער זבולון איז זוכה צוצוהעלפן, נעמט ער א חלק אין די עבודה וואס דער יששכר טוט. דאס איז דער שמח זבולון בצאתך ויששכר באהלך.

**איך** טראכט אסאך מאל, עס איז דא וויניג עסקנים, עס איז דא וויניג וואס טוען. **עס איז דא וויניג וואס טוען, און עס איז דא א ציבור וואס שטייען אין די זייט, און זיי טוען גארנישט. און עס איז דא א ציבור וואס קריטיקירט שטענדיג. מען איז נישט צופרידן מיט דעם, און מען איז נישט צופרידן מיט יענעם. נישט ער זוכט עצות, און נישט ער פראבירט צו העלפן, עס איז נאר קריטיק לשם קריטיק.** - דער חשוב'ער מחותן, **דער זידיטשוב'ער רבי**, האט מיר דעם שבת נאכגעזאגט, אז יתרו האט מען א נאמען געגעבן יתר, ווייל ער האט מוסיף געווען א פרשה אין די תורה, די פרשה פון ואתה תחזה (רש"י יח-א). יתרו'ס פרשה הייבט זיך נישט אן ביי ואתה תחזה, עס הייבט זיך אן מיט א פאר פסוקים פריער, ער האט געזאגט פאר משה רבינו, מה הדבר הזה אשר אתה עושה לעם (שם יח-יד), לא טוב הדבר אשר אתה עושה, נבול תבול גם אתה גם העם הזה אשר עמך, און אזוי ווייטער (שם יח-יז), ערשט נאכדעם האט ער געגעבן די עצה פון ואתה תחזה. אז מען זאגט אז ער האט מוסיף געווען א פרשה בתורה, וואלט מען געדארפט זאגן אז ער האט מוסיף געווען די פרשה פון מה הדבר הזה אשר אתה עושה לעם.

**נאר** קריטיק איז נישט א פרשה! קריטיקירן דאס קען יעדער איינער. זאגן פאר משה רבינו מה הדבר הזה אשר אתה עושה לעם, לא טוב הדבר אשר אתה עושה, עס איז נישט גוט וואס דו טוסט, דאס איז נישט א פרשה אין די תורה. פארדעם קומט נישט א קרעדיט פאר יתרו, אז ער האט מוסיף געווען א פרשה אין די תורה. נאר ווען ער שטעלט זיך אהער מיט א גוטע עצה, און ער זעהט גרינגער צו מאכן פאר משה רבינו, ואתה תחזה מכל העם, קלויב דיר אויס אנשי חיל, יראי אלקים, אנשי אמת, שונאי בצע, ונשאו אתך, און די וועלן דיר צוהעלפן, דאס הייסט אז מען האט מוסיף געווען א פרשה אין די תורה.

**קריטיקירן איז נישט א קונץ, און עס טוט זייער וויי ווען מען הערט קריטיק. איך טראכט אסאך מאל, ווען מענטשען וואלטן געהאט אביסל שכל, וואלטן זיי געקענט אזויפיל צוהעלפן פאר אונזערע מוסדות. מען וואלט געקענט אזויפיל צוטון, צו וואס עס פעלט אויס אין אונזער קהלה, כדי עס זאל קענען וואקסען און שטייגן. אסאך מאל האבן זיי נישט א זכיה מן השמים, זיי זענען אזעלכע שליסל מענטשען וואס וואלטן געקענט צוהעלפן אז די זאך זאל זיך בויען, און זיי שטייען אין די זייט, און זיי העלפן נישט צו, צו נאך מער פון דעם. נישט די עצם זאך טוט וויי, עס טוט מיר מער וויי דאס וואס זיי האבן נישט א זכות, מען וואלט געקענט איינקויפן עולמו של תורה, מיט דעם וואס מען שטעלט זיך צו.** איך וויל נישט קריטיקירן יעצט, איך וויל נאר ארויסברענגען די מעלה, אז עטץ זאלטס שעצן ענקער ארבעט וואס עטץ טוטס. **וויסען אז דאס וואס מען העלפט צו, דאס איז נישט אז מען העלפט צו א מינוט, נאר מיין מינוט מיינט שעות, און ענקערע מינוטן וואס עטץ גיטס אוועק, איז טייטש אז מען האט צוגעהאלפן שעות און שעות וואס מען האט אראפגענומען א עול.**

**וויפיל** רואיגקייט דארף מען האבן צו געבן א **שיעור יעדן טאג, צוצוגרייטן א דרשה, צוצוגרייטן א שלש סעודות תורה. עטץ מיינטס אז עס שאקלט זיך פון די ארבעל?! עס שאקלט זיך נישט פון די ארבעל! עס גייט אריין שעות ביז מען גרייט צו, און עס גייט אריין שעות ביז מען איז עס מסדר, און ביז מען זאגט עס. וויפיל שעות גייען אדורך וואס מען טראכט און מען טראכט און מען קען נישט זאגן. דאס קאסט זייער אסאך צייט, און מען** דארף האבן אסאך ישוב הדעת און רואיגקייט. - **ווען א מענטש קומט אריין דארף מען אים אויפנעמען שטענדיג מיט א שמייכל, צו מען איז יא דערביי צו מען איז נישט דערביי. ווען ער רופט אריין אויפן טעלעפאן ווען ער האט עפעס צו פרעגן אדער אדורכצושמועסן, מען קען זיין אינמיטן די שווערסטע זמן וכדומה, דארף מען זיך אפשטעלן,**

**און אים אויסהערן מיט א רואיגקייט, און מייעץ זיין א עצה הוגנת. און טאמער עס פעלט דער רואיגקייט, דער ישוב הדעת, איז זייער שווער אנצוגיין מיט די ארבעט. און דער וואס העלפט צו דערצו, און ער נעמט אראפ דעם עול, אז דער רב האט נישט עפעס אנדערש וואס צו טון, נאר זיצען און לערנען און באדינען יודישע קינדער, דער גיט זייער אסאך צו אויפצובויען תורה.**

**איך** האב נישט לאנג צוריק געזען אין **נוצר חסד** (על פרקי אבות ו-ב) פונעם **הייליגן קאמארנער זי"ע**, דער הייליגער קאמארנער שרייבט בתוך הדברים, אז זיין **רבי הערש'לע זידיטשובער זי"ע**, איז אסאך מאל געווען זייער צובראכן ביי זיך, אזוי ווי צדיקים זענען געווען אמאל. און עס זענען געווען אזעלכע חסידים וואס האבן געהאלטן אז עס איז גוט. דער רבי דארף זיין א עניו, דער רבי דארף זיין א שפל וכדומה. שרייבט ער אויף זיך, אז אייביג ווען איך האב געזען אז ער האט עפעס א חלישות הדעת, האב איך אים פראבירט צו הייבן. און איך פלעג אים צו זאגן, ווי שיין זענען די תורות וואס דער רבי זאגט, ווי אזוי זיי לייכטן אין הימל וכדומה, און עס איז אורו פניו, איך האב אים צוריק אויפגעהויבן, אז ער האט נאכדעם געקענט ווייטער דינען דעם אייבערשטען. זאגט ער ווייטער, דאס זענען חסידים שוטים, וואס לאזן דעם רבי אז ער זאל זיין אין אזא זמן, אדרבה מען דארף אים מחזק זיין, און מעודד זיין, און אים אויפהייבן.

**אז מען האט די זכות צו זיין א מסייע, צוצוהעלפן, זאל מען וויסען אז עס מיינט זייער אסאך אז מען האט נישט א עול פון דאגות, פון שאפן געלט, און טון פאר געלט, און אוועקגעבן צייט מסדר צו זיין איין זאך, מיט א צווייטע זאך, און א דריטע זאך. ווען מען נעמט אויף זיך די זייטיגע זאכן, און מען לאזט זיצען און לערנען, און טון וואס מען דארף צו טון, האט מען א געוואלדיגע זכות. די מינוטן וואס מען גיט אוועק איז נישט קיין מינוטן, ענקערע מינוטן ווערן גערעכנט ווי מען האט אוועקגעגעבן שעות.**

**די** גמרא (חולין צא.) זאגט, אז צדיקים איז ממונם חביב עליהם יותר מגופם. ווי קען מען זאגן אויף צדיקים, אז ממונם איז חביב עליהם יותר מגופם?

די פשט דערפון איז, א גוף פון א מענטש איז באשרענקט וויפיל ער קען טון, ער האט נישט מער פון פיר און צוואנציג שעה אין טאג, און פון דעם גייט אויך אוועק אסאך צייט. אז ער וויל לערנען, איז דא א סכום מסוים וויפיל שעות ער קען לערנען אין איין טאג. אבער מיט געלט קען א מענטש בויען תורה, און זיך קויפן הונדערטער שעות פון תורה, הונדערטער שעות פון עבודה, וכדומה. צדיקים וואס ווייסען אויסצונוצן א יעדע זאך אז עס זאל ארויסקומען פון דעם א כבוד שמים, איז ביי זיי חביב זייער געלט מער פון זייער גוף, ווייל זייער גוף איז באשרענקט וויפיל ער קען טון, אבער מיט זיין געלט האט ער א געלעגענהייט צו בויען תורה און צו טון אסאך מער. צדיקים וויבאלד זייער גאנצע לעבן איז נאר כדי עס זאל ארויסקומען פון דעם א כבוד שמים, איז ממונם חביב עליהם יותר מגופם. ווייל דער גוף פון א מענטש איז באשרענקט וויפיל ער קען טון, אבער מיט זיין געלט קען ער טון אסאך מער.

**די זעלבע איז ביי תלמידי חכמים וואס פירן א ציבור, און זיי האבן אויף זיך א עול פון א ציבור, און מען שטעלט זיך צו, און מען העלפט זיי. עס איז נישט אלץ דער ממונם, דער גופם איז אסאך מאל מער און מער ווערט, עס גיט מער חיזוק, פון די ממונם. און מען דארף פאר זיך האלטן פאר א געוואלדיגע זכות, אז מען קען צושטיין און ארויסהעלפן אז מען זאל קענען טון די עבודת הקודש.** און אזוי האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט, אז עס זאל זיין א יששכר און א זבולון, דער יששכר זאל זיצען באהלה של תורה אן א דאגה, און דער זבולון זאל אים צוהעלפן.

*

**די** משנה (מכות ה:) זאגט, על פי שנים עדים או שלשה עדים יומת המת (דברים יז-ו), ווען עס איז דא צוויי עדות אדער דריי עדות, נעמט מען אן די עדות, און אז עס ווערט מקוים, קומט אים מיתה. פרעגט די משנה, אויב די עדות ווערט מתקיימת בשנים, דארף דאך נישט דער פסוק זאגן בשלשה, מיט דריי עדות ווערט דאך אוודאי מקוים. איז דא כמה דרשות אין די משנה, רבי עקיבא זאגט, אז עס קומט מיך לאזן הערן, אז טאמער מען האט מזים

געוועז די עדים, און דער דריטער וועט זאגן אז איך האב גארנישט אויפגעטון מיט מיין עדות, מען האט ממילא אנגענומען וואס מען האט געוואלט, ווייל עס איז דאך געוועז נאך צוויי עדות. און אז מען האט זיי מזים געווען, קומט נאר פאר זיי א עונש, ווייל איך האב מיט מיין עדות גארנישט אויפגעטון. איז די הלכה, אז ניין, שלשה איז כשנים, דער דריטער וואס האט זיך צוגעשטעלט צו די עדות, ווערט ער אויך נדון בדיני הזמה.

**פשוט** פשט איז, און רוב ראשונים לערנען אזוי, אז טאמער מען האט מזים געווען דעם דריטן אויך, איז מען מקיים דין הזמה אינעם דריטן. דער **נימוקי יוסף** ברענגט צו א שיטה פונעם **מהרי"ץ גאות**, וואס זאגט, אז טאמער מען האט מזים געווען צוויי, און עס קומט זיי דין הזמה, און דעם דריטן האט מען נישט מזים געווען. ער האט געזאגט עדות, אבער מען האט נישט געטראפן א הזמה איף אים, און עס קען גאר זיין אז זיין עדות וואס ער האט געזאגט איז אמת, איז די הלכה אז מען הרג'ט דעם דריטן אויך, ווייל ער האט זיך צוגעשטעלט צוזאמען מיט די אנדערע וואס זענען געווארן מוזם.

**זאגט** די משנה ווייטער, ואם כן ענש הכתוב לנטפל לעוברי עבירה, אויב עס איז אזוי ביי א נטפל לעוברי עבירה, ווען מען שטעלט זיך צו צו עוברי עבירה, איז אפילו ער האט זיך נאר צוגעשטעלט, ווערט ער נדון אזוי ווי די עוברי עבירה, על אחת כמה וכמה, ווען איינער איז א נטפל לעושי מצוה, איז ער נחשב כעושי מצוה. אז ער שטעלט זיך צו פאר א דריטן ביי א עושי מצוה, ווערט ער גערעכנט אז ער האט געטון א מצוה.

**וואס** דער טייטש דערפון איז, פונקט ווי אונז זעה מיר ביי הזמה, אז ווען מען שטעלט זיך צו צו א נישט גוטע זאך, האט עס די תורה מחשיב געווען ווי דו ביסט א חלק דערפון. ווען א מענטש איז א נטפל לעושי מצוה, ער שטעלט זיך צו צו די וואס טוען זייער עבודת הקודש, ווערט ער אויך נחשב אזוי ווי די עושי מצוה. זיין שכר אויף יענע וועלט איז כאילו ער איז געווען א חלק פון די עושי מצוה. און דער שכר וואס קומט זיך פאר דעם וואס האט געטון די מצוה, ווערט אויך צוגעטיילט פאר די אלע וואס זענען געווען נטפל דערצו.

**פארוואס** איז עס טאקע אזוי, אז עס קומט פאר דעם דריטן אז מען זאל אים דן זיין בהזמה, ווייל ער האט זיך צוגעשטעלט צו די ערשטע צוויי, ער האט דאך למעשה גארנישט אויפגעטון. וואס איז א נפקא מינה פאר בית דין צו עס איז געווען צוויי עדות, צו עס איז געווען פינף עדות. פארוואס קומט אים אז מען זאל אים דן זיין מיט די דין הזמה.

**איך** מיין אז דער פשט דערפון איז, ווען עס קומען צוויי עדות, און בית דין נעמט אן די עדות פון די צוויי, האט מען אנגענומען די עדות. צוויי יודען האבן אזוי געזאגט, נעמט מען אן וואס זיי זאגן. אבער עס איז דאך מעגליך אז זיי זענען ליגענער'ס. אבער די תורה האט געגעבן נאמנות פאר צוויי. ווען בית דין זעהט אז עס איז דא דריי, צו עס איז דא פיר, צו עס איז דא פינף, יעדער איינער וואס קומט צו דערצו, טוט פארשטערקערן די השערה ביי בית דין, אז די מעשה איז אמת. בית דין נעמט ענדערש אן א מעשה וואס פינף מענטשען האבן פארציילט, ווי זיי נעמען עס אן ווען צוויי מענטשען האבן עס פארציילט. קומט אויס אז יעדער איינער וואס איז צוגעשטעלט געווארן צו די עדים וואס זענען מוזמים, האט צוגעגעבן א חיזוק פאר די זאך. עס איז שטערקער געווארן ביי בית דין, די ווערטער פון די צוויי. - די זעלבע איז אויך ביי א נטפל לעושי מצוה, די חיזוק וואס א נטפל לעושי מצוה גיט פאר דעם עושה המצוה, אז ער איז נישט אליין, נאר ער האט די וואס טוען אים צוהעלפן דערצו, זענען נידון כעושי מצוה, זיי האבן אויך א חלק דערין.

*

**און** אזוי ווי די תורה איז מקדים דעם זבולון פאר יששכר, האט די תורה ארייגעלייגט די גאנצע תורה צווישן א בי"ת מיט א למ"ד. בי"ת דאס איז א שטוב, עס איז דא אזעלכע יודען וואס זייער תפקיד אויף די וועלט איז, אז זיי זאלן זיין די שטוב פון די לומדי תורה, זיי זאלן צושטעלן די שטוב פון די לומדי תורה. דאס איז דער זבולון, וואס זיין חלק אויף דעם עולם איז, צו זיין דער וואס האלט אויס

דעם בית. און נאכדעם איז דא דער לומד תורה, וואס זיצט און לערנט. - די גאנצע תורה איז ארייינגעשטעלט צווישן די צוויי סארט יודען. א טייל יודען דארפן זיין די למ"ד'ס, די וואס זיצען און לערנען. און א טייל יודען דארפן זיך זארגען אויף דעם בי"ת פון די לומדי תורה. און אזוי ווי די תורה איז מקדים זבולון פאר ישׂשכר, האט די תורה מקדים געווען קודם דעם בי"ת, און נאכדעם דעם למ"ד, וואס איז דא צום סוף פון די תורה.

**זאגט** דוד המלך, יודען זענען איינגעטיילט אין צוויי חלקים, אוןביידע זענען גליקליך. דער ישׂשכר וואס זיצט באהלה של תורה, דארף דאך אוודאי זיין גליקליך אז ער קען זיצען און לערנען. אבער אפילו ווער עס האט נישט זוכה געווען צו זיין באהלה של תורה, זאל ער אבער זיין גליקליך אז ער קען צוהעלפן פאר די וואס זיצען אין בית המדרש און לערנען, און זיי פירן יודישע קינדער על דרכי התורה, און ער איז א שותף, ער איז א חלק דערפון, ווייל ער גיט די כוחות פאר דעם מנהיג אז ער זאל קענען אנפירן וואס ער דארף צו טון.

**זאגט** דוד המלך, עס איז דא צוויי ערליי סארט אשרי'ס. עס איז דא 'אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת ה'', דאס גייט ארויף אויף די גדולי ישראל וואס זיי זענען תמימי דרך, זיי פירן זיך בתמימות. און זיי זענען הולכים בתורת ה', זיי זיצען און לערנען תורה, זיי זענען מרביץ תורה. און נאכדעם איז דא נאך א אשרי, 'אשרי נוצרי עדותיו', וואויל איז פאר דעם וואס טוט אפהיטן די דין וואס אונז געפין מיר ביי עדות. ביי עדות געפונען מיר דאך א הלכה, אז ווען עס איז דא עדות וואס זענען מוזמים, באקומט דער דריטער די הלכה ווי א נטפל לעושי עבירה. און פון די דיני עדות לערנען מיר אראפ, אז ביי א מצוה ווערט אויך גערעכנט א נטפל לעושי מצוה. 'אשרי', וואויל איז אויך פאר דעם, 'נוצרי', וואס ער טוט אפהיטן, 'עדותיו', דאס וואס מיר לערנען אראפ פון דיני עדות. און דאס איז 'בכל לב ידרשוהו', דאס קען מען דרש'נען פונעם 'לב', פון דעם וואס די תורה הייבט זיך אן מיט א ב', און עס ענדיגט זיך מיט א ל', וואס דאס איז די אותיות ל"ב, פון דארט קען מען דרשנ'ען אז די תורה איז איינגעטיילט פאר א ל', פאר די לומדי תורה, און פאר א ב', די וואס קוקען אויפן בית של תורה.

**און** דאס זאגט דער פסוק (תהלים יט-ח) עדות ה' נאמנה מחכימת פתי. דער 'עדות ה'', די תורה וואס האט אונז געגעבן די הלכה פון עדות, 'נאמנה', דארט ליגט אסאך אמונה און נאמנות. וואס איז דער עדות ה' נאמנה, אז נישט נאר א חכם וואס זיצט און לערנט תורה האט א חלק אין תורה, נאר מחכימת פתי, עס גיט א כח אפילו פאר א פתי, וואס האט נישט זוכה געווען אליין צו זיין א חכם, אבער דורך דעם וואס ער העלפט צו פאר דעם חכם אז ער זאל קענען לערנען, ווערט ער אויך גערעכנט פאר א חכם, ער איז א נטפל לעושי מצוה. 'עדות ה' נאמנה', די מצוה פון עדות ברענגט ארויס, 'מחכימת פתי', אז אפילו איינער וואס איז נישט זוכה אויסצוואקסען א תלמיד חכם, קען ער דאך האבן די בחינה פון חכמה, דורך דעם וואס ער איז א מסייע.

**וויל** איך פשוט באדאנקען מעומק הלב פאר אלע מיינע גוטע פריינט וואס זענען דא ביי די שמחה, און פאר די וואס האבן נישט געקענט זיך משתתף זיין, זאל מען עס איבערגעבן פאר זיי, אז אשרי חלקכם וואס עטץ האטס א חלק אין מיין תורה, עטץ האטס א חלק אין מיין הרבצת התורה, ווען מען העלפט צו אז מען זאל קענען זיצען און לערנען מיט א רואיגע קאפ, און דינען דעם אייבערשטען. מען האט צוגעהאלפן צו די חתונה וואס איז געווען לשם ולתפארת, מען האט אלעס אהערגעשטעלט מיט אזא סדר. זאל ענק דער אייבערשטער בענטשען, אז אין ענקער שטוב זאל זיין שטענדיג נאר פרייליכקייט און שמחה. איך וויל באדאנקען פאר הר"ר וואלווי ברוין הי"ו וואס האט מנדב געווען דעם ספר (**שמן ראש** חלק ראשון – שמיני שמות) לכבוד די שמחה, ער האט א חלק אין די הרבצת התורה. און פאר אונז אלע, זאל דער אייבערשטער געבן נאר שמחה וששון מיט פרייליכע הערצער, בשמחה ובטוב לבב זאלן מיר אינאיינעם זיך קענען מיטפרייען איינער מיטן אנדערן'ס שמחה, און אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

***יום שני פרשת משפטים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **אליעזר זוסיא קיש** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל שם תפלת מנחה.

אחר מנחה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת הרבנית מלינדז ע"ה.

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** ווילאנג איז שוין דער טאטע (**הגה"צ רבי אהרן ווידער זצ"ל** אב"ד לינדז) נישט דא?

**א' האבלים:** יעצט ווערט זיבן יאר (ה' ניסן).

**רבינו:** דער טאטע איז געווען א פארצייטישער יוד, עס קומען נישט נאך אזעלכע יודען.

**א' האבלים:** ער פלעגט יעדע נאכט שלאפן אויף די בענקליך. ער האט געלערנט, און ער האט איינגעדרימלט, און זיך אראפגעלייגט אויף די בענקליך. דער **קלויזענבורגער רבי זצ"ל** האט מיר אמאל געזאגט, אז עס איז א גרויסע ענין ווען מען גייט נישט נאכדעם שלאפן אין א בעט. ווען מען שלאפט אויף די בענקליך, און נאכדעם גייט מען אריין אין בעט, איז שוין נישט אזוי ...

**רבינו:** איך האב אמאל געהערט פונעם **קלויזענבורגער רב זצ"ל** אז מען האט אים געפרעגט אקעגן א קערידז"ש, וואס מען האלט אונטען מאכלים, און דאס קינד שלאפט אינעם קערידזש, צו עס איז דא א שאלה וועגן א רוח רעה תחת המטה (עיין **שלחן ערוך** יו"ד סימן קט"ז סעיף ה'). האט ער געזאגט, ניין, ווייל עס איז נישט מיוחד פאר א בעט. עס איז מיוחד אז א קינד זאל זיין דארט שטענדיג, ער שלאפט דארט אויך, אבער עס איז געמאכט אים צו פירן דארט[ג]. האט ער געזאגט, אלא מאי אז מען וועט לייגן א מאכל אונטער מיין בענקל, וועט עס ווערן גערעכנט ווי מען האט עס געלייגט תחת המטה?! עס איז א בענקל, נאר מען שלאפט אויך דערויף.

**א' האבלים:** מען זאגט נאך אויפן **סקווירא רבי זצ"ל** אז מען האט אמאל געלייגט א מאכל אונטער א בענקל אויפן עראפלאן אדער אויפן באן, און ער האט מחמיר געווען און ער האט שוין נישט געוואלט עסן דערפון.

**רבינו:** דאס איז א רבי'שע ענין, אבער עס איז נישט א הוראה.

*

בשעות הערב התקיימה סעודת שבע ברכות רבתי שנערכה על ידי קהלתינו הק' בבית מדרשנו בוויליאמסבורג. השבע ברכות עברה ברוב פאר והדר ובמקהלות עם רב שבאו להשתתף ולשמוח בשמחת **רבינו שליט"א**.

בתחלת הסעודה השמיע דברים **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו בוומסב"ג. אחר פרקי שירה וזמרה בנעימים השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לכבוד שמחת חתן וכלה (תוכן הדברי תורה נדפס בגליון דברי תורה).

עם סיום דברות הקודש עמדו כל הקהל בריקוד, בעוד **שרבינו שליט"א** רוקד עם מחותנו **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, ולאחריו עם אחיו הגדול **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א**, והשמחה מלאה את ההיכל. – אחר כך השמיע הרב **אברהם מרדכי מלאך** שליט"א דברי בדחנות.

---

[ג] ראה בספרו **שו"ת דברי יציב** (חיו"ד סימן לג) שציין בזה להסכמת **הגאון המהרש"ם מברעזאן זצ"ל** לספר **כולם אהובים להרח"ו**, שדן על מטה שהוא כעין ספסל שקורין קנאפ"ע המיוחד לישיבה אלא שביום ישנים שם, וכתב דלפי המבואר בספר **תורת חיים** (שבועות טו) בטעם האיסור משום סכנה דשינה ורוח רעה, אם כן תליא אם גם ביום צריך ליטול ידיו, והביא **שהגר"א** אסר מאכל שהיה מונח תחת תיבה וישן עליו אדם אף שאין התיבה מיוחד לשינה עכ"ד **המהרש"ם**. וכתב עליו **בדברי יציב** דבספרים הביאו **שהגר"א** החמיר רק לעצמו ולא לאחרים, והביא מדברי **הלבושי מרדכי** (מהדו"ת יו"ד סימן יט) שדן להקל בעריסת תינוק, וחזי דבריו לאיצטרופי כשאין המטה מיוחד לשינה, ועיין עוד **בשו"ת מנחת יצחק** (ח"ד סימן קיז) שנשאל בזה, וכתב להתיר אף לכתחילה על פי מה שכתוב **בדרכי תשובה** (סימן קטז סקל"ז) בשם ספר **מזמור לדוד** שכתב שאין בכלל זה מה שנוהגין להניח תבשיל בין כר לכסת כדי לשמור חומו, דלא מיקרי תחת המטה אלא בקרקע שתחתיה ממש, והביא עוד צירופין לדבר ע"ש.

**רבינו שליט"א** בירך על הכוס. אחר כך חילקו הברכות בין רבני וקרובי המשפחה, ובברכה אחריתא נתכבד סב החתן **כ"ק האדמו"ר מזידיטשוב שליט"א**. אחר חלוקת כוס של ברכה התקיימה ריקודין של שמחה בתופים ובמחולות בהיכל הבית המדרש בראשות **רבינו שליט"א** והמחותנים למשך שעה ארוכה.

*

***יום שלישי פרשת משפטים***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של נכדתו, שנערכה בביתו של **הרה"ג רבי מאיר יצחק הורוויץ שליט"א אב"ד לינסק** (גיסו של המחותן שליט"א).

אחר השבע ברכות הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר ***יחזקאל שרגא גרינפעלד*** ע"ה, ואצל משפחת מרת קליין ע"ה (אלמנת הר"ר **יעקב קליין** ע"ה).

*

***יום רביעי פרשת משפטים***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יונה ווייס** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם, וכיבד את **הגה"צ רבי יצחק מאשקאוויטש שליט"א** אב"ד נייטרא וויליאמסבורג בברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה, ונשא מדברותיו

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וועל נישט זאגן קיין דברי תורה, נאכדעם וואס מען האט געהערט פונעם רב (אב"ד נייטרא וומסב"ג) אזעלכע שיינע דברי תורה, איך וועל נאר צוגעבן א ווארט. דער רב האט פריער געזאגט, אז א ברית מילה איז אזוי ווי מען איז מקריב א קרבן, עס איז לפני האלקים. רש"י ברענגט צו די פאריגע וואך אין די פרשה, אז אהרן מיט די זקני ישראל האבן געגעסן לפני האלקים (שמות יח-יב), זאגט רש"י מכאן אז ווען מען איז נהנה פון א סעודה שתלמידי חכמים מסובין בה, איז כאילו נהנה מזיו השכינה. ויחזו את האלקים ויאכלו וישתו (שמות כד-יא), עס קען אמאל זיין אז מען זיצט צוזאמען ביי א סעודה און מען עסט, און עס איז אזוי ווי ויחזו את האלקים, מען איז נהנה מזיו השכינה. מען זיצט ביי אזא סעודת ברית מילה, און אזא חשובע סנדק, מען זיצט ביי א סעודה שתלמידי חכמים מסובין בה, איז עס ויחזו את האלקים, עס איז כאילו נהנה מזיו השכינה.

**דער** רב האט פריער געזאגט אז א קרבן ווערט נתעלה, עס ווערט דערפון א רוחני, אז נאכדעם קען מען עסן די פלייש און א שיעור. דער רב האט צוגעברענגט א גמרא אז די כהנים האבן געגעסן אסאך בשר קדשים, ווייל א דבר גשמי איז מוגבל וויפיל מען קען עסן, אבער א דבר רוחני האט נישט קיין שיעור. זיי האבן אזוי מקדש געווען די קרבנות, אז עס איז געווארן אזוי ווי א דבר רוחני וואס האט נישט געהאט א שיעור צום עסן.

**די** וועלט פארציילט אויפן **חידושי הרי"ם**, אז דער **חידושי הרי"ם** האט זיך נוהג געווען, אז ביי יעדע סנדקאות וואס ער האט געהאט, האט ער זיך געוואשן און געגעסן א סעודה. אמאל האט מען נישט געמאכט די סעודה אויף איין פלאץ, אפילו ווען די ברית איז געווען אין שול, האט יעדער געמאכט די סעודה ביי זיך אינדערהיים. און דער **חידושי הרי"ם** איז ארומגעגאנגען צו אלע שטובער ווי עס איז געווען די ברית, און ער האט זיך איבעראל עקסטער געוואשן צו די סעודת הברית.

**אמאל** איז אים אויסגעקומען אז ער האט געהאט זעקס ברית'ן אין איין טאג, האט ער זיך זעקס מאל געוואשן צו א סעודה. און מען האט אים נאכדעם געפרעגט, ווי איז מעגליך אז א מענטש זאל זיך קענען וואשן צו זעקס סעודות. האט ער געזאגט אז די גמרא (מגילה ז:) זאגט, רווחא לבסימא שכיח, אז אפילו א מענטש איז זאט, אבער טאמער מען ברענגט אים א מאכל וואס איז אים זייער אנגענעם, א איי"ז קריע"ם צום סוף פון די סעודה, קען ער עסן אפילו ער איז זאט, ווייל דער מאגן מאכט פלאץ פאר א זאך וואס איז בסים, עס עפענט זיך די בני מעיים אז מען זאל קענען עסן. האט ער געפרעגט, די גמרא גייט פארציילן הלכות עסעריי, אז ווען מען גיט א גוט מאכל צום סוף פון די סעודה, קען מען עסן דערפון אפילו אסאך. האט ער געזאגט, 'בסימא' איז ביי יעדן איינעם עפעס אנדערש. ביי א מענטש וואס איז מגושם, איז בסימא א גוט שטיקל מאכל. און ביי א ערליכע

יוד, איז א א סעודה פון א מצוה ביי אים א דבר בסים, עס איז ביי אים א תענוג. און אז עס איז רווחא לבסימא שכיח, קומט אויס אז ווען מען עסט א סעודת מצוה, מאכט זיך פלאץ אז מען זאל קענען עסן אפילו מערערע סעודות.

**מיט** דעם וואס דער רב האט פריער געזאגט, איז עס פשוט. ווייל זיי האבן געגעסן אויף אזא אופן וואס זייער עסן איז געווען א רוחניות'דיגע אכילה, און א רוחניות'דיגע אכילה איז נישט מוגבל, קען מען עסן וויפיל מען וויל. ויחזו את האלקים, ויאכלו וישתו, קען מען עסן אפילו מער פון די שיעור אויך.

**איך** וויל וואונטשען פארן רב אריכת ימים ושנים, לאנגע געזונטע יארן, און קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה מתוך נחת והרחבת הדעת. - איך האב א ספעציעלע הכרת הטוב פארן רב, ווען איך בין געווען א בחור אין ישיבה, און דער רב איז שוין געווען דעמאלטס א יונגערמאן, און וואס עס מיינט התמדת התורה האב איך זיך געלערנט ביים רב, ער האט נישט מבטל געווען א רגע פון לערנען, מען איז געזעסן און געשריבן די חידושים. ביים רב ליגט אפגעשריבן גאנצע בענדער אויף כמה מסכתות, און איך האלט אין איין בעטן דעם רב, אז ער זאל אנהייבן מסדר צו זיין און ארויסצוגעבן די חידושים. דער אייבערשטער זאל געבן, אז דער אבי הבן זאל קענען מכניס זיין דאס קינד לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך שמחה ונחת, און די זיידעס זאלן זעהן אסאך תענוג ונחת דקדושה ביי אלע זייערע קינדער און אייניקלעך, און אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והלך לניחום אבלים אצל משפחת מרת ברוין ע"ה (אשת הר"ר חנני' יו"ט ליפא ברוין הי"ו).

אחר כך התפלל **רבינו שליט"א** תפלת מנחה בבית מדרשנו. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יצחק מרדכי פאללאק** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הלילה התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל שמחת קישור החיתון של החתן **יצחק אייזיק** נ"י בן הר"ר **יעקב בער גרינוואלד** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **פסח דוד משה טויבער** הי"ו.

*

***יום חמישי פרשת משפטים***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל התנאים של בת הר"ר **שמחה פריעדמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אהרן דוד לעוו** הי"ו, שהתקיים באולם כתר צבי. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום שישי פרשת משפטים***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו התאחדות אברכים. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אברהם געלב** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת חיימאוויטש ע"ה (אשת הר"ר **יעקב יוסף חיימאוויטש** הי"ו).

*

***שבת קודש פרשת משפטים***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל קדושת יום טוב זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום כ"ט

שבט). בברכת המזון נתכבד חדב"ן הרה"ג **רבי יואל הלברשטאם שליט"א** (נכד הקדושת יו"ט זי"ע).

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל המלוה מלכה ודינער השנתי '**יחד ישלשו**' לטובת המתיבתא, שהתקיים ביחד עם מסיבת חלוקת פרסים לתלמידי הישיבה שנבחנו על מסכת נדרים שלמדו בשנה שעברה, והתקיים באולם עטרת חי'. הרה"ג רבי **נחמן גרינצווייג** שליט"א פתח את המסיבה, וכיבד את הבחור **משה יעקב האפפמאנן** נ"ו לסיים מסכת נדרים. אחר כך נשמעו דברי זכרון על הר"ר **דוד אלחנן האפפמאנן** ע"ה (שהדינער נתנדב לעילוי נשמתו) על ידי בנו הר"ר **שלמה האפפמאנן** הי"ו. אחר הפאנע"ל המיוחד על ידי כמה תלמידים יוצאי הישיבה במשך השנים, שהשמיעו זכרונות משנות קדם בסדר הנהגת הישיבה על ידי **רבינו** זצ"ל ויבלחט"א **רבינו שליט"א**, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בסיום המסיבה חילק **רבינו שליט"א** תעודות לתלמידי הישיבה שנבחנו על מסכת נדרים. בברכת המזון נתכבד הר"ר **משה יוסף האפפמאנן** הי"ו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסן דעם חשוב'ען ציבור וואס זענען זיך צוזאמגעקומען היינט נאכט צו די מלוה מלכה לטובת די החזקה פון די מתיבתא. איך וויל באגריסן די בחורים וואס האבן זיך געפלאגט אויף זייערע לימודים, און זיי האבן מסיים געווען מסכת נדרים, און עס איז געקומען די צייט אפצוגעבן זייער כבוד, אויף וואס מען האט זיך פארהערט די מסכתא.

**אין** יעדע געשעפט וואס א מענטש אינוועסטירט, קומט מען זיך צוזאם מזמן לזמן, און מען שמועסט אדורך דעם געשעפט וואס מען האט אינוועסטירט, ווי אזוי די ביזנעס גייט, און די רווחים וואס עס האט געברענגט. **עס קומט זיך פאר אונזערע שותפים אין די עבודת הקודש, אזא חשובע ציבור וואס זענען מחזיק די מוסדות, אז איין מאל אין א יאר זאל מען זיך צוזאמקומען און אדורכשמועסן צווישן אונז, די חשיבות פון די החזקת התורה. ב"ה די ישיבה בליהט, די ישיבה קטנה און די ישיבה גדולה, מען זיצט און מען לערנט פלייסיג. עס איז צוגעקומען נאך א ישיבה קטנה אין מאנסי, וואו עס לערנען פופציג בחורים, עס איז א חשוב'ער מקום תורה דארט. און די אלע וואס נעמען א חלק דערין, זענען שותפים אין די עבודת הקודש.**

**מען** געפונט די קומענדיגע וואך אין די פרשה, אז די תורה האט אונז געגעבן די מצוה, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, מען זאל בויען א מקדש, און דער אייבערשטער וועט רוען צווישן יודען, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, וכן תעשו (שמות כה-ח). אזוי ווי איך ווייז דיר די פארם פון די משכן און די כלים, אזוי זאלט עטץ טון לדורות. רש"י טייטשט, אז אויב מען וועט פארלירען פון די כלים, זאל מען עס נאכטון אזוי ווי דער תבנית וואס דער אייבערשטער האט געוויזען פאר משה רבינו.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז יעדע מצוה איז א לימוד ווי אזוי א יוד דארף זיך צו פירן. 'תורה' איז א לשון פון 'הוראה', דאס לערנט דעם מענטש וואס מען דארף צו טון. און דאס זעלבע איז די מצוה פון בנין המקדש, וואס מען דארף בויען א מקדש פאר השראת השכינה, וואס אוודאי נעמט עס נישט אוועק פון די קדושה פון דעם בית המקדש, אבער עס קומט אונז אויך לערנען אז ושכנתי 'בתוכם', בתוך כל אחד ואחד מישראל. א יוד דארף זיך אראפלערנען פונעם משכן, וואס דער אייבערשטער האט געוויזען אז עס קען זיין א השראת השכינה אין א בנין פון האלץ, א בנין פון שטיינער, און כל שכן אז א יעדער יוד פאר זיך, דארף זיין א מקדש ה'. ער דארף זיך אזוי מכשיר זיין, אז ער זאל זיין א מקדש פארן רבונו של עולם, דער אייבערשטער זאל קענען רוען אין אים. ועשו לי מקדש, מען זאל מיר מאכן א מקדש, ושכנתי בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל, יעדער יוד דארף זיך מאכן, אז ער זאל זיין א מקדש פארן אייבערשטען.

**וועט** מען פרעגן ווי אזוי ווערט א יוד א מקדש פארן באשעפער, וואס דארף ער טון דערצו, אז ער זאל קענען ווערן א משכן. זאגט די תורה הק', אז מען זאל קוקען אויף די כלים וואס איז געווען אינעם משכן, וואס האט צוגעברענגט אז עס זאל זיין א השראת השכינה, און מיר זאלן נאכטון די זעלבע וואס איז געווען דארט. אין די משכן איז געווען א ארון מיט די כרובים דערויף, וואס איז

געווען אין קדשי קדשים. עס איז געווען א שלחן, און א מנורה, און צוויי מזבחות, און אלע כלי שרת וואס איז מיטגעקומען צו טון די עבודה.

**דער** ארון דאס איז דער סימבאל פון תורה (רש"י כה-יא). דער ארון איז הייליג, און עס איז געלעגן אינעם קדשי קדשים. דער ארון איז געווען אין א ליידיגער שטוב, און עס איז נישט געווען אינעם ארון נאר די לוחות הברית. און אויף די תורה איז געווען די כרובים, וואס דאס איז א רמז אויף די יונגע תלמידים וואס לערנען תורה. עס איז א רמז אויף חברים וואס לערנען בחברותא איינער מיטן צווייטן, ופניהם איש אל אחיו (שם כה-כ). און דער ארון האט געברענגט די השראת השכינה, דארט האט דער אייבערשטער גערוהט. **ווען א יוד וויל אז ביי אים זאל זיין השראת השכינה, דארף ער זיך קודם מדבק זיין אין די תורה, האבן א שיעור אין תורה, קובע עתים לתורה זיין, יעדע פרייע מינוט וואס מען האט, זאל מען אויסנוצן פאר תורה**, דאס איז די ערשטע חשובע כלי וואס דער אייבערשטער האט געהייסען מען זאל מאכן פאר די משכן.

**נאכדעם** קומט דער שלחן, ווי אזוי א טיש פון א יוד דארף אויסקוקן. דער שלחן ווייזט אויף שלחן מלכים, אויף עשירות (רש"י כה-כד), ווי אזוי עס דארף זיין, זיין פרנסה, ווי אזוי א יוד דארף ברענגען זיין פרנסה אין שטוב. און ווען ער איז מצליח, וואס דארף ער טון מיט דאס געלט, ווי אזוי זאל ער עס אויסנוצן, אויף דעם האט געלערנט דער שלחן, אז **עס איז נישט גענוג ווען א מענטש טוט נאר פאר זיך אליין, ער לערנט תורה פאר זיך, נאר ער דארף זעהן זיך צו זארגן פאר א צווייטען, מיט וואס ער קען ארויסהעלפן מיט זיין שלחן מלכים, אז תורה זאל בליען.** די מנורה דאס ווייזט אויף נר מצוה ותורה אור. די מזבח ווייזט אויף מסירת נפש וואס א יוד דארף האבן פארן אייבערשטען. א יוד דארף נעמען די אלע כלים פונעם מקדש, און עס אריינלייגן ביי זיך אין שטוב, דעמאלטס ווערט זיין שטוב זיין א מקום פון השראת השכינה.

**ועשו** לי מקדש ושכנתי בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל, ווערסטו פרעגן ווי אזוי קען מען טון אז מען זאל ווערן א מקדש פארן אייבערשטען. זאגט דער פסוק, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, אזוי ווי איך ווייז דיר די משכן, א ארון, א שלחן, א מנורה, און א מזבח. וכן תעשו, די זעלבע כלים לייג אריין אין דיר. זיי דבוק צו תורה, העלף ארויס פאר תורה, געב זיך אוועק פארן אייבערשטען מיט מסירת נפש. אפילו עס קומט אן שווער, פון דעסטוועגן דאך איז נישט דא עפעס אנדערש נאר דער רצון ה'. וכן תעשו, אזוי זאלט עטץ טון, וועט עטץ ווערן א מקדש פארן באשעפער.

*

**אין** הייליגע ספרים שטייט נאך טיפער דערין. יעדע זאך וואס א מענטש זעהט מיט די אויגן, מאכט עס אויף אים א רושם. אין מדבר ווען מען איז געווען צוזאמען מיט משה רבינו, און משה רבינו איז געווען דער אדם השלם, דער איש האלקים (דברים לג-א), מחציו ולמעלה אלקים, ומחציו ולמטה איש (ילקוט תהלים רמז תתמא), און מען האט געזעהן ווי אזוי משה רבינו פירט זיך, און משה רבינו האט געהאט אויף זיך א השראת השכינה, אז דער אייבערשטער האט גערעדט צו אים כאשר ידבר איש אל רעהו (שמות לג-יא), פה אל פה אדבר בו (במדבר יב-ח), דער אייבערשטער האט גערעדט צו משה רבינו כביכול ווי צוויי חברים רעדן איינער צום צווייטן. משה רבינו האט זיך מקדש געווען, אז ער איז געווען דער אמת'דיגער משכן. דער היכל ה' המה (ירמיה ז-ד), איז געווען משה רבינו.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז משה רבינו האט געזאגט פאר יודען, ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך, וואס בעהט דער אייבערשטער פון דיר, נישט אזא שווערע זאך, כי אם ליראה את ה' אלקיך (דברים י-יב). פרעגט די גמרא (ברכות לג:) אטו יראה מילתא זוטרתא היא, יראה איז עפעס א קליינעקייט. ענטפערט די גמרא, אין, לגבי משה יראה מילתא זוטרתא היא. און די מפרשים טייטשן (עיין **בתולדות יעקב יוסף** פ' בא אות י'), אין, לגבי משה, ווען יודען זענען געשטאנען נעבן משה רבינו, איז יראה געווען א מילתא זוטרתא. ווען מען האט געהאט פאר זיך א סימבאל ווי אזוי א יוד דארף אויסצוקוקן, מען האט געהאט פאר די אויגן אזא הייליגן משה רבינו, ווי מען האט געזען

ווי עס איז פארווירקליכט געווען אין אים דער ארון, דער שלחן, און זיין מסירת נפש פארן באשעפער, איז ער געווען דער סימבאל פאר יודען, ווי אזוי א יוד דארף זיך מאכן א משכן פארן אייבערשטען. - דער אייבערשטער זאגט, ככל אשר אני מראה אותך, אזוי ווי איך ווייז 'דיך', משה רבינו, וואס ביי דיר איז דא דער תבנית המשכן ותבנית כל כליו, וכן תעשו, אזוי זאל מען נאכטון. מען זאל נאכטון, און גיין אין די וועגן וואס משה רבינו איז געווען, וועט מען קענען ווערן א מקדש פארן באשעפער.

*

**איך** מיין עס ארויסצוברענגען אביסל מער, וואס עס איז דער פשט וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, ככל אשר אני מראה אותך, אזוי ווי משה רבינו איז, וכן תעשו, אזוי זאל מען נאכטון. עס שטייט אין די גמרא (קידושין לג:), אז משה רבינו, מיט זיין גרויסקייט, האט געהאט אסאך וואס האבן גערעדט אויף אים. אזוי ווייט אז מען האט חושד געווען משה רבינו מיט די הארבסטע עבירות. וישמע משה ויפול על פניו (במדבר טז-ד), שחשדוהו באשת איש (מו"ק יח:). משה רבינו איז געפאלן אויף זיין פנים ווען ער האט געהערט וואס מען זאגט אויף אים.

**והביטו** אחרי משה עד בואו האהלה (שמות לג-ח) מען האט נאכגעקוקט נאך משה רבינו. איז דא א מחלוקת אין די גמרא (קידושין שם), וואס עס איז געווען דער והביטו אחרי משה. א טייל זאגן אז מען האט נאכגעקוקט משה רבינו לשבח, מען האט געזאגט, קוקטס אן א יוד ווי משה רבינו, וואס ער איז מובטח אז ער גייט אריין אין שטוב, און די שכינה גייט אים נאך. און עס איז אויך געווען והביטו אחרי משה לגנאי, מען האט גערעדט זייער נישט שיין אויף משה רבינו. אזוי ווייט אז די גמרא וויל נישט זאגן וואס מען האט גערעדט, נאר כדאיתא, אזוי ווי עס שטייט. און רש"י ברענגט צו, אז אין ירושלמי (ביכורים ג-ג, שקלים ה-ב) איז אויסגערעכנט וואס מען האט געזאגט אויף משה רבינו. - און עס איז א פלא צו פארשטיין, אז מען קען דרשנ'ן לשבח, פארוואס זאל מען טייטשן והביטו אחרי משה לגנאי. און די תורה רעדט נישט קיין לשון הרע, פארוואס פארציילט אונז די תורה והביטו אחרי משה, אז מען האט נאכגעקוקט נאך משה לגנאי.

**איך** מיין אז עס ליגט דערין א ענין וואס איז נוגע צו עבודת ה' פאר יעדן איינעם. אין **תפארת ישראל** (סוף מסכת קידושין) ברענגט ער צו א מעשה [עס איז דא וואס זענען מפקפק אויף די מעשה, אבער די מעשה ווערט צוגעברענגט אין **אור פני משה** פון **רבי משה'לע פשעווארסקער** (פ' חוקת), און אין כמה חסידישע ספרים]. אז עס איז געווען א מלך ערבי, וואס האט געהערט די גרויסקייט פון משה רבינו אין מדבר, און ער האט געוואלט וויסען וואס די גרויסקייט פון משה רבינו איז. האט ער אראפגעשיקט איינעם וואס זאל אפמאלען א בילד פון משה רבינו, אלע זיינע שטריכן וואס ער האט, און ער האט געהאט חכמים וואס זענען געווען געלערנט, און זיי האבן געקענט אפטייטשן פון די שטריכן פונעם פנים, וואס דער מענטש איז.

**דער** מאלער איז אהין געפארן, און ער האט געמאלען א בילד פון משה רבינו, און ער איז צוריקגעקומען צום מלך. און דער מלך האט עס ארויסגעגעבן פאר זיינע חכמים, אז זיי זאלן שטודירן וואס די גרויסקייט פון דעם מענטש איז. זענען די חכמים צוריקגעקומען, און זיי האבן געזאגט פאר דעם מלך, אז אלע ערגסטע מדות וואס איז דא ביי א מענטש, איז דא אין דעם בילד וואס מען האט זיי געוויזען. דער מלך איז געווארן ערשטוינט, ווי אזוי קען זיין, אז אזא אדם גדול זאל אזוי אויסקוקען. האט ער געטראכט אז מן הסתם האט דער וואס האט געמאלען דאס בילד נישט גוט געמאלען, ער האט נישט גוט אראפגעשריבן די שטריכן, וועגן דעם האט ער געהאט אזא בילד פון משה רבינו.

**האט** ער געשיקט איינעם וואס זאל נעמען דאס בילד, און ער זאל אראפגיין נאכאמאל אין מדבר, און קוקן צו די בילד איז טאקע אזוי ווי משה רבינו. יענער איז צוריקגעקומען, און ער האט געזאגט, אז עס איז גענוי געמאלען אזוי ווי משה רבינו קוקט אויס. און די זענען געווען חכמים, און זיי האבן אויסגעטייטשט די שלעכטע מדות וואס

איז דא אין משה רבינו. דער מלך איז געווען ערשטוינט ווי אזוי דאס קען זיין. איז ער אליין געגאנגען, צו ער האט געשיקט א שליח, וואס איז געקומען צו משה רבינו, און ער האט אים אליין געפרעגט די שאלה, ווי אזוי קען זיין, אז דאס איז דיין צורה, וואס ווייזט אויף אזויפיל נישט גוטע זאכן, און דא ביסטו אזא גרויסע מענטש.

**האט** משה רבינו געענטפערט דערויף, אז עס איז אמת. געבוירן געווארן בין איך מיט די ערגסטע מדות וואס איז דא אויף די וועלט, און דאס איז די שטריכן וואס מען זעהט אויף מיין פנים וואס איז בתולדה, דאס זענען מיינע מדות ארגינעל. נאר איך האב זיך אויסגעארבעט, איך האב מהפך געווען, און משנה געווען אלע מיינע מדות, אויף די העכסטע מדריגה וואס מען קען זיך אויסארבעטן לטובה. האט דער מלך פארשטאנען, אז עס איז טאקע אמת. דער בילד קען ווייזן אזוי, אבער משה רבינו האט זיך אויסגעארבעט אויף א הויכע מדריגה.

**קומט** אויס, אז עס איז געווען אמת וואס מען האט גערעדט אויף משה רבינו. ווען מען האט געקוקט אויף די צורה פון משה רבינו, האט מען געזען אין משה רבינו שטריכן אז ער איז א געמיינער מענטש. אבער לאמיתו איז משה רבינו געווען דער איש האלקים. ווען מען האט געזאגט פאר משה רבינו, שחשדוהו באשת איש, ווען מען האט אים חושד געווען אז ער איז אזוי געמיין, אז ער קען טון אזעלכע עבירות, 'וישמע משה', משה רבינו האט געהערט ווי אזוי מען רעדט אויף אים, 'ויפול', איז ער געפאלן, 'על פניו', ווייל די שטריכן וואס איז געווען אויף משה רבינו'ס פנים האט אזוי געוויזן.

**יודען** האבן געוואוסט דעם אמת, אז משה רבינו איז א צדיק. און זיי האבן באוואונדערט משה רבינו, אז פון אזא געמיינע געבורט, פון אזעלכע געמיינע שלעכטע מדות וואס מען האט, זאל מען זיך קענען אויסארבעטן און אויסוואקסן א משה רבינו, דאס האבן זיי באוואונדערט. ווען עס איז געווען והביטו אחרי משה, ווען מען האט נאכגעקוקט דאס גרויסקייט פון משה רבינו, אז ער איז מובטח אז ער גייט אריין אין שטוב, און די שכינה גייט אים נאך, והביטו אחרי משה לגנאי, האבן זיי קודם אנגעקוקט די גנאי ווי אזוי משה רבינו איז געבוירן געווארן, און נאכדעם והביטו אחרי משה לשבח, האבן זיי געקוקט אז פון אזא גנאי זאל ער זיך קענען אזוי אויסארבעטן און אויסוואקסען אזוי ווי משה רבינו. פאר יעדע והביטו אחרי משה לשבח, איז קודם געווען והביטו אחרי משה לגנאי. מען האט געקוקט ווי אזוי ער איז געווען אין די יונגע יארן, און וואס עס איז געווארן פון אזא משה רבינו, דאס האבן זיי נאכגעקוקט נאך משה רבינו. והביטו אחרי משה 'עד בואו האהלה. יעצט האבן זיי שוין געוואוסט זיין גרויסקייט, אבער זיי האבן געקוקט אויף משה רבינו וואס פאר א עבודה ער האט געדארפט האבן 'עד בואו האהלה', ביז ער איז צוגעקומען צו די מדריגה. יודען האבן באוואונדערט ווי אזוי משה רבינו האט זיך געקענט אויסארבעטן און צוקומען צו אזא הויכע מדריגה.

**די** תורה זאגט אונז, אז מיר זאלן ווערן א משכן פארן אייבערשטען. וועט דער מענטש זאגן, איך קען ווערן א משכן פארן באשעפער?! איך ווייס דאך ווי אזוי איך זעה אויס, איך ווייס מיינע מדות, איך ווייס מיינע שוואכקייטן וואס איך האב, איך קען נישט זיין א משכן פארן אייבערשטען. האט דער רבונו של עולם געזאגט, 'ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם', בתוך כל אחד ואחד מישראל, יעדער פון אונז קען זיין א משכן פארן אייבערשטען, 'ככל אשר אני מראה אותך', אזוי ווי איך ווייז דיך, משה רבינו, וואס דו ביסט געבוירן געווארן מיט די שווערסטע מדות וואס איז דא, און דו ביסט אויסגעוואקסן אזא משה רבינו, וואס דו ביסט געווארן א תבנית המשכן און א תבנית כל כליו. וכן תעשו, אזוי זאלט עטץ טון. - דאס איז די חשיבות, ווען מען פלאגט זיך, און מען ארבעט זיך אויס די מדות, און מען וואקסט אויס אזוי ווי משה רבינו איז אויסגעוואקסן, דאס איז דער מקדש ה' וואס דער אייבערשטער פארלאנגט פון אונז.

*

**יעדער ווייסט אז אונז לעב מיר היינט אין זייער א שוואכען דור. א דור וואס מען איז ארומגענומען מיט אזויפיל נסיונות פון אלע זייטן. יונגע בחורים וואס דארפן זיצען און לערנען, און דארפן וואקסען**

**אין תורה, איז דא אזויפיל ביטולים וואס נעמען ארום דעם מענטש, אז דער קאפ איז נישט דארט. ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם, מען לערנט זיך אסאך אפ פון די גאס, און מען ווערט נשפע פון די גאס. עס איז היינט א געוואלדיגע מצוה, און א געוואלדיגע עבודה וואס די מגידי שיעורים לייגן אריין אין א ישיבה. מען פלאגט זיך מיט די בחורים פון ווען זיי קומען אריין, עיר פרא אדם יולד, מען קומט אריין אומערוואקסען, מיט שלעכטע מדות, און אזוי ווייטער. עס איז נישט נאר די לימוד התורה וואס מען לערנט מיט זיי, נאר דאס אויסארבעטן די ערליכקייט פון א בחור, ער זאל האבן א געשמאק אין א דאווענען, האבן א געשמאק צו טון א טובה פאר א יוד, זיך אויסצוארבעטן מיט מדות טובות, דאס איז אסאך מאל אסאך שווערער אריינצוגעבן, ווי אויסצולערנען א בלאט גמרא. און דאס איז א געוואלדיגע עבודה וואס די צוות הישיבה לייגט אריין אין די בחורים, אז עס לאזט זיך גארנישט זאגן, ווי אזוי א בחור קומט אריין אין די ישיבה, און עס גייט אדורך אפאר יאר, און ווען ער גייט ארויס איז ער נשתנה לטובה, ער איז א אנדערער סארט בחור, פון וואס ער איז אריינגעקומען.** דאס איז ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, אזוי ווי משה רבינו איז געבוירן געווארן מיט די שלעכטע מדות וואס ער האט געהאט, און ער האט זיך איבערגעארבעט צו ווערן א איש האלקים, וכן תעשו, אזוי זאלט עטץ טון. דאס איז אונזער עבודה, אויסצוארבעטן די ילדי קודש, אז זיי זאלן קענען ווערן כלים פאר די השראת השכינה.

**איך דארף נישט רימען די ישיבה, ב"ה די נאמען פון די ישיבה גייט ווייט, יעדער ווייסט אז עס איז פון די שענסטע מקום תורה'ס וואס איז היינט דא, וואו בחורים זיצען און מען לערנט פלייסיג, מען פארהערט זיך מסכתות איינס נאכן אנדערן. ווער עס גלייבט נישט, קען אריינקומען סיי אין ישיבה קטנה און סיי אין ישיבה גדולה, וועלכע צייט אין טאג ער וועט אריינקומען, וועט ער זעהן ווי מען זיצט און מען לערנט, און מען חזר'ט וואס מען האט געלערנט, און מען פלאגט זיך אויף לערנען.** איך ברענג עס ארויס, עטץ זאלטס וויסען ענקער **חשיבות, וואס עטץ זענטס מחזיק אזא מקום תורה.** ווי חשוב עס איז די חלק וואס מען האט אין די עבודת הקודש, אויפצושטעלן תלמידים וואס זאלן גיין בדרכי התורה אינעם היינטיגען דור. דער מנהל פון די ישיבה קטנה, רבי פישל זאל זיין געזונט, טוט גדולות ונצורות מיט די בחורים, עס איז נישט מעגליך אפילו ארויסצוברענגען וויפיל ליבשאפט עס ליגט פון אים צו די תלמידים, און פון די תלמידים צו אים, כאטש ער שטייט אויפן קאפ און ער לאזט נישט נאך אפילו א קלייניגקייט. און די זעלבע איז אין ישיבה גדולה, דער חשובער מנהל גיט אוועק זיין צייט אז די בחורים זאלן שטייגן און וואקסען אין תורה. עס האט א עקסטערע חשיבות אויפצוהאלטן אזא מקום תורה.

**מען** רעדט דא בעיקר צו דורות פון תלמידים, וואס האבן צו פארדאנקן זייער ערליכקייט, און זייער יודישקיט, און זייער תורה און מעשים טובים, און זייערע שטובער וואס זיי האבן, פאר דעם מקום תורה, וואס פון דא זענען זיי אויסגעוואקסן, און זיי זענען צוגעקומען צו דעם וואס זיי זענען צוגעקומען. **עס ליגט א חיוב פון הכרת הטוב, אויף א פלאץ וואו מען איז אויסגעוואקסען, און מען איז דארט געשטיגען, אז מען זאל דאס נישט פארגעסן, און מען זאל זעהן דאס מחזיק צו זיין ווייטער, אז די תורה זאל קענען ווייטער שטייגן.** - איך האב שוין אמאל געזאגט, איך בין א תלמיד פון די נייטרא ישיבה, איך האב געלערנט אין נייטרא דריי פיר יאר, איך בין שוין ארויס פון די ישיבה פופציג יאר צוריק, און איך האב נאכנישט פארפעלט איין מלוה מלכה, אין די פופציג יאר, וואס איך בין נישט געווען פערזענליך. איך האב געלערנט אויף א פלאץ, בין איר מכיר טובה אויף דעם פלאץ, און איך פארפעל נישט יאר נאך יאר, כאטש איך האב גענוג זאכן וואס עס ליגן מיר אויפן קאפ וואס איך דארף צו טון, אבער פון דעסטוועגן דאך ווען עס קומט א זמן, איין מאל אין יאר, שטרענג איך זיך אן, און איך גיי. איך ברענג עס ארויס, אז מען זאל וויסן אז עס איז דא א חיוב פון הכרת הטוב. אז מען האט געלערנט אויף א פלאץ, דארף מען דאס געדענקען, און מען דארף זיך משתתף זיין, און ארויסצוהעלפן דעם מקום. **אויף ווען זאל מען זיך פארלאזן, אויב נישט**

**אויף די היימישע, אז זיי זאלן שטיין און צוהעלפן אז דער מקום תורה זאל וואקסען.**

**ווי** חשוב עס איז ווען א יוד גיט צדקה, דאס איז די איינציגסטע זאך פון זיין פארמעגן וואס מען נעמט מיט מיט זיך אויף יענער וועלט. אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, מען טראגט נישט מיט גארנישט, אלעס לאזט מען דא, אלא תורה ומעשים טובים בלבד (אבות ו-י). און ווי הייליגע ספרים טייטשן, אז נאר די כסף וזהב וואס מען האט אוועקגעגעבן פאר תורה און מעשים טובים, דער כסף טוט יא מלוה זיין דעם מענטש. אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב אלא תורה ומעשים טובים בלבד, נאר כסף וואס א יוד גיט אוועק פאר תורה, דאס איז די איינציגסטע כסף וואס טוט באגלייטן דעם מענטש שפעטער.

**אין** הייליגע ספרים שטייט די וואך, אם כסף תלוה את עמי, את העני עמך (שמות כב-כד). 'אם כסף', אויב עס איז דא א סארט כסף, 'תלוה את עמי', וואס באגלייט דעם מענטש. געווענליך איז אין מלוין לו לאדם, אבער אם כסף תלוה, אויב עס איז יא דא א כסף וואס באגלייט, איז דאס נאר 'את העני עמך', דאס וואס דו האסט געטון מיט דעם עני, דאס טוט באגלייטן. עס איז א געוואלדיגע חשיבות ווען מען העלפט צו, און איך בין מכיר טובה פאר יעדן איינעם וואס לייגט צו א האנט, סיי בגוף, און סיי ברוחניות, וואס עס פעלט אויס פאר דעם מקום תורה. רבי שמואל דוד זאל זיין געזונט האט נישט קיין טאג און קיין נאכט, ער גיט אוועק אלע זיינע צייטן, עס איז אשרי חלקו אויפצושטעלן אזא מקום תורה.

**איך** וויל נאכאמאל באגריסן די חשובע תלמידים וואס האבן זיך געפלאגט אויף תורה, עס קומט זיך זיי א כתר תורה אויף די פלאג וואס זיי האבן זיך געהאט זיך צו פארהערן די מסכתא. איך האב אליין פארהערט א גרויס חלק פון די בחורים דאס וואס מען האט געלערנט. מען האלט שוין באלד ביי א פרישע מסכתא, וואס מען לערנט דעם זמן. זאל דער אייבערשטער געבן אז אזוי ווי זיי האבן מסיים געווען די מסכתא, זאלן זיי ווייטער מסיים זיין נאך מסכתות.

**די** היינטיגע מלוה מלכה איז מוקדש לעילוי נשמתו פון רבי דוד אלחנן האפפמאנן ע"ה, וואס יעדער ווייסט וואס פאר א אדם יקר ער איז געווען, א תלמיד חכם, א בר אוריין, און א אמת'דיגער ערליכער יוד. ער האט זיך נישט אוועקגערוקט פון דרכי התורה אפילו מיט א קלייניגקייט. ער איז געווען אויסערגעווענליך איבערגעגעבן פאר אונזער קהלה, טאג און נאכט האט ער מיטגעלעבט דערמיט, עס איז זיכער פאר אים א עילוי נשמה, דער היינטיגער מסיבה וואס מען האט געמאכט.

**מען** גייט יעצט אריין אין א חודש פון שמחה, משנכנס אדר מרבים בשמחה (תענית כט:), מען טרעט אריין אין דעם חודש וואס איז א חודש פון שמחה. עס איז נישט גענוג די שמחה וואס מען האט א גאנץ יאר, נאר מען דארף מרבה זיין בשמחה, יעדן טאג דארף מען צוגעבן אביסל אין די שמחה. מען האט מיר היינט נאכגעזאגט פון **רבי חיים קניבסקי זאל זיין געזונט און שטארק**, אז עס איז געווען צייטן וואס פון ראש חודש אדר און ווייטער, האט ער יעדן טאג געטרינקען א גלעזל וויין, ווייל מען דארף מרבה זיין בשמחה. אז עס פרייט זיך נישט פון זיך אליין, דארף מען עפעס צו טון צו די שמחה. זאל דער אייבערשטער געבן אז מען זאל נישט דארפן טרינקען קיין וויין כדי צו האבן שמחה, נאר מען זאל האבן די שמחה אן וויין אויך. אבער טאמער מען שפירט אז מען האט נישט די שמחה, מעג מען צו טרינקען אביסל דערצו, אז מען זאל קענען זיין בשמחה. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.